זיבעצענטער יאָהרגאַנג

№ 20

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פרייז 20 גראָשען.

טשענסטאָכאווער צייטונג

Biblioteka Jagiellońska
Kraków
Św. Anny 19

Piątek 20 maja 1938 | 7.19 ליכט-צינדען | פרייטאג פ׳ בהר י״ט אייר תרצ״ח

זעמטליכע וואָרען פון דער פירמע **B. A. GLIKSMAN, Sp. Akc., Łódź**

זענען ביי מיר מיט דער בעסטער קאָנדיציאָן צו בעקומען

ווי אויך זעמטליכע טיש = בעטדעקען, מעבעל = דעקאָראַציאָנס = שטאָפען

P. Z. SZUREK, Łódź ul. Piotrkowska 18. Telefon 129-81.

חננו מברכים את ידידתנו **בתיה זלצר** בברכת מזל-טוב לבבית

לרגלי ארוסיה עם בחירת לבה מר **משה גולדברג**

יהי דרכם סוגה בשושנים

פנחס ווינשטוק, אביגדור לנצנר.

צו די תנאים פון

ה׳ **משה גאָלדבערג** מיט פרל. **באשע זעלצער**

ווינשט א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט

אברהם שיינוועקסלער און פרוי

דער פאמיליע **לייזעראָוויטש** אין פראשקא צו דער חתונה פון זייער טאָכטער

פרל. **זאָשא** מיט ה׳ **יוסף ווארשאוווסקי** פון וויעלון, ווינש איך פיעל

נחת און פרייד און דעם יונגען פאָר פיעל גליק און צופרידענהייט

פראַניא ברוין, פראשקא

Z intencji zaślubin

p. LOLI ODERBERŻANKI z p. LEONEM LEWINSOHNEM

serdecznie gratuluje

LIPMAN KOPIŃSKI

פייערלעשער-זאַל **נאָר 3 גאסטשפילען**

י. קרעלמאַן פרעזענטירט די גרויסע אמעריקאַנער קינסטלער

יאָזעף שעהנגאָלד פרענציס ארלער

מיט זייער קינסטלער-אַנסאַמבל (לויט׳ן א. ב.)

העלאַ לוקסענבורג, מ. מאַניעלא, רבקה נערה, לעאָן קאָסווינער, שלום צוקער, העלענא צוקער, שמחה ראָזען, יעקב ראַקאוו, מרדכי ראַטשיין.

פרייטאָג, ד. 20 9 15 אָוונעד

שבת, ד. 21 4 נ. מ. צו ביליגע פרייזען און 15 9 **אָוונעד**

נאָכ׳ן גרויסען דערפאָלג אין ווארשא, דער גרויסער וועלט-שלאגער

דאס רעדעלע דרעהט זיך!

זונטאג, ד. 22 9·15 אָוונעד גרויסע פרעמיערע!

צווייטע יוגענד

הומאָר! געזאנג! שפאנונג! עמאָציע!

בילעטען — אין דרוקעריי פון ה׳ באָטשאן, פרייטאג פון 7 אָוו. און שבת פון 11 פריה אין קאַסע.

Potrzebna ekspedjentka

branży galanteryjnej od zaraz.

Szyper, II-ga Aleja 25.



FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.

מאכט בעקאַנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאַנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאוו נישט געווען. כדי צו איבערציגען וועגען דעם די קונדשאפט האָבען מיר

פערביליגערט די פרייזען:

א קאָלנער מיט א הערליכען גלאַנץ 10 גר.

א העמד — — — 40 „

אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט.

ספעציאַליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

Zarząd Tow. Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych

w Częstochowie

zawiadamia, że wpisy do szkoły powszechnej, gimnazjum i I kl. licealnej przyjmować będzie codziennie od 8 do 12 kancelaria w nowym gmachu szkolnym przy ul. Jasnogórskiej № 8—10.

דער „טאָז" פאר׳ן קינד און דאס קינד פאר׳ן „טאָז"

אונטער דער דאָזיגער לאָזונג קומט פאָר א גרויסע

קינדער=שמחה

אין פייערלעשער-זאַל זונטאָג, ד. 29 ד. ח. 3 נאכמ.

אין פראָגראם: 1) „זייט געגריסט" — דעפּילאַדע פון די ה״ח: „זייפעלע" „בערשטעלע" „קעמעלע" 2) „לאַלקעס" — מוזיקאַלישע אפערעטקע מיט געזאנג און טענץ. 3) לעגענדעס-דעפילאַדע — קינדער-פיעסע. 4) „טאָז" — ריטמישער קינדער-טאנץ, 5) כאָר-דעקלאַמאַציע אין בילדער און מיט מוזיק-בעגלייט, 6) אינדיווידועלע דעקלאַמאַציעס און סאָלאָ-געזאנג.

נאָך דער פאָרשטעלונג א גרויסע קינדער-פערוויילונג מ׳ט סיורפּריזען, פרעמיעס

בילעטען פאר דערוואקסענע פון 1 זל. און העכער, פאר קינדער פון 30 גר. אָן צו בעקומען אין דער קאַנצעלאַריע פון „טאָז" ב. יאַסעלעוויטשא 3 און אין דרוק. פון ה׳ באָטשאן.

Zł. 25.000.-

na Nr. 100.450

padło w znanej z większych wygranych kolekturze

S. HAFFTKA i S. BORZYKOWSKI

ALEJA 2, tel. 19-13.

Szczęśliwe losy do I-ej kl. 42-ej loterii już są do nabycia.

przez cały świat, usuwając ODCISKI bez bólu. — Przy kupnie żądać oryginalnego pudełka LEBEWOHL. Na każdym plasterku jest ten napis

LEBEWOHL

Zarząd Towarzystwa Żyd. Szkół Średnich i Powszechnych w Częstochowie

zaprasza swoich członków

na Zwyczajne Ogólne Zebranie

które odbędzie się w nowym gmachu szkolnym przy ul. Jasnogórskiej 8—10, w NIEDZIELĘ, dn. 22 maja rb. o godz. 3 pp. a w razie braku kompletu o godz. 4 pp. bez względu na ilość przybyłych z następującym porządkiem obrad: 1) Zagajenie, 2) Wybór przewodniczącego Ogólnego Zebrania, 3) Sprawozdanie Zarządu za rok szkolny 1936-37. 4) Budżet na rok szk. 1937 38, 5) Wybór 5-ciu członków Zarządu na miejsce ustępujących pp: N. D. Berlinera, Karola Goldmana, lek.-dent. Marka Grüna, adw. Hassenfelda i dyr. St. Prusickiego, 6) Wybór Komisji Rewizyjnej, 7) Wolne wnioski.

זונטאָג, ד. 22 מאַי 3-30 נאכמ. אין אייגענעם לאָקאַל פילסודסקי 31

קומט פאָר די

אַלגעמיינע פערזאַמלונג

פון די מיטגלידער פון „גמלת חסד"

טאָג - אָרדנונג: 1) ערעפנונג פון דער פערזאַמלונג דורכ׳ן פּרעזעס. 2) וואהל פון א פּאָרזיצער. 3) בעשטעטיגען דעם בילאַנס פאר 1937. 4) וואהלען פון 3 פערוואַלטונגס-מיטגלידער אנשטאט די ארויסטרעטענדע ה״ה יצחק ווארמונד, ב. בוכמאן און ב. געווערצמאן. 5) וואהלען פון 2 מיטגלידער אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע אנשטאט די ארויסטרעטענדע. 6) פרייע פּאָרשלאָגען.

בעמערקונג: אויב ס׳וועט אין ערשטען טערמין נישט זיין אנוועזענד די גענוגענדע צאהל מיטגלידער קומט די פערזאַמלונג פאָר דעם זעלבען טאָג האלב 5 נאכמ. גילטיג ביי יעדער צאהל אנוועזענדע

WORLD-RADIO

ŚWIAT W DOMU...

Jeśli radioodbiornik WP. charczy, zniekształca lub cicho odbiera, prosimy dzwonić pod 25-75, poczem niezwłocznie wydelegujemy do WP. naszego technika, który **bezpłatnie** zbada przyczyny złego działania odbiornika, sprawdzi lampy i określi stopień ich użycia.

WORLD-RADIO

Aleja 24 w podwórzu.

Telefon 25-75.

פאַרבעריי
און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

פיליע 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה׳ אימיך)

מענער = קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפיגעל=גלאַנץ צום פרייז **10 גר.**

ספעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פארבען לויט מוסטערן, 3) רעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען אויפ׳ן אָרט), 4) כעמיש-רייניגען און פאַסאָנירען קאפעלושן, די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַן אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין ווארשא מיט לאַנגיעהריגער פראַקטיק

דער **פאַמיליע קורלאַנד**

צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער ליבען מאַן און פאָטער

הירשל נ״ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל ולא יוסיפו לדאבה עוד

זאווירטשע. **ישעיהו פאַקטאָר**

טיעף ערשיטערט צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער קוזין

וואָווע ברום נ״ע

אין וויעלון

דריקען אויס דער **מוטער** און פעריתומ׳טער **פאמיליע** דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

טשענסטאכאוו **מרדכי שאַיאַ** און פרוי

„GLOBTROTTER"

miesięcznik poświęcony zagadnieniom

turystyki i emigracji

pod redakcją Dra M. STRYKOWSKIEGO

Wydział turystyczny „GLOBTROTTERA" udziela czytelnikom informacyj oraz pomocy w zorganizowaniu wyjazdów do wszystkich państw europejskich oraz **AUSTRALJI**.

W czerwcu br. pod egidą Izby Handlowej Polsko-Peruwiańskiej będzie zorganizowana wycieczka do **PERU** oraz szeregu krajów Południowej i Środkowej Ameryki m. in. do **Brazylji i Argentyny.** Każdy czytelnik „GLOBTROTTERA po uiszczeniu opłaty kwartalnej w wysokości 75 gr. (można w znaczkach pocztowych) otrzyma informacje **bezpłatnie** !!

Korespondencje kierować na adres administracji:

„GLOBTROTTER" Warszawa, Plac Żelaznej Bramy 4|1.

צו דער ענטהילונג פון דער מצבה אויפ'ן קבר פון הרב ר׳ נחום אַש ז״ל.

והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהי׳ בית אלקים.

זונטאג, אין צוזאמענהאנג מיט דער צווייטער יאהרצייט זייט דער פטירה פון אונזער גרויסען און בעליבטען רב הגאון ר׳ נחום אַש ז״ל, ווערט געשטעלט א מצבה אויף זיין קבר.

צוויי און פערציג יאהר, א גאנץ דור איז דער נפטר געווען אונזער מנהיג־רוחני, וועג ווייזער און מוכיח, מיטגעלעבט אונזערע פריידען און ליידען. שווער צו גלויבען, שווער זיך צוצוגעוואוינען צום געדאנק, אַז ער, דער רב ז״ל, איז שוין מעהר נישטאָ צווישען אונז.

אַט שטעהט ער אין דער שוהל בעת א פייערליכקייט – אין זיין פולער פראַכט, זיין פאטריארכאלע געשטאלט–שיינט, עס שטראַלט, ווי מיט נישט קיין ערדישען גלאַנץ; ווי א פאַטער, א ליבליכער, האַלט ער זיינע דרשות, עס איז אַלץ קלאָר, ליבטיג און פערשטענדליך, זיינע שארפזיניגע און קלוגע ווערטער עפענען די אויגען און שטאַרקען און ערמוטיגען די פערוועהטאָגטע הערצער.

אַט איז ער אין בית־דין־שטוב אַרומגערינגעלט מיט א שטויס ספרים, גיט זיך די מיה צו ענטפערען זיינע חבירים רבנים פון פיעל שטעדט, פון נאָהענט און ווייט, וועלכע פרעגען איהם אָן פערשידענע שאלות אין אסור־והיתר, תקנות עגונות, מקואות א.א.וו., אַלעמען איילט ער זיך ווי אמשנעלסטען צו געבען זיין ענטשיידענדע תשובה און מיינונג.

אַט זיצט ער ביי זיין שרייב־טיש, ארבייט איבער א ווערק, וואס זאָל פרייסטען זיין פאָלק אין דער שווערער און ביטערער צייט, גיט ארויס צו דעם צוועק עטליכע ספרים און בראָשורען א. נ. „כוס נחומים", „אַ טרייסט־וואָרט פאַר'ן יודישען פאָלק", „אונזער פליכט אין די טעג פון נויט", לאָזט נישט אַדורך א געלעגענהייט צו פערטיידיגען די יודען בעת פערשידענע אַנגריפען; בעת אַזאַ אַנגריף מיט יאהרען צוריק ווענדעט ער זיך מיט אַן אָפענעם בריעף צום גלח לוטאסלאווסקי, אָבוואַרפענדיג א רייהע בעשולדיגונגען געגען דער יודישער רעליגיע; אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבען פערעפענטליכט ער אַן אַלזייטיגע אָבהאַנדלונג אין פערטיידיגונג פון דער יודישער שחיטה.

• • •

שוין זענען אַבגעלאָפען צוויי יאהר, ווי מיר האבען זיך מיט איהם צושיידט.

טעג, וואָכען, יאהרען – און דאָך ווי פריש און ניי ס'קלינגט נאָך אין אונזערע אויערען די אונגליקליכע טרויעריגע בשורה: אונזער גרויסער רב געפינט זיך מעהר נישט צווישען די לעבעדיגע.

איז עס מעגליך? לאָזט זיך עס גלויבען? הערען מיר דאָך נאָך זיין גרויסען קרעכץ איבער די צרות הכלל און איינצייטיג זיינע תנחומים און ערמוטיגונג, וועלכע קלינגען אין אונזערע אויערען, ווי זיי וואָלטען ערשט היינט ארויסגעזאגט געוואָרען און אין וועלכע מיר נויטיגען זיך יעצט אזוי שטאַרק.

איין איינציגע נחמה איז אונז, טשענסטאָכאָווער יודען, געבליבען, דאס אונזער גרויסער נפטר, וועלכער איז פל ימיו געווען אונזער טרייסטער, בעשיצער און פערטיידיגער, וועט אויך זיין אונזער מליץ יושר פאַר'ן כסא־הכבוד. דאָ פאַר דעם קבר, וועט יעדער טשענסטאָכאָווער יוד האבען אַן־אָרט זיך אויסצוויינען און אַראָבערעדען זיין ביטער הארץ. והאבן הזאת אשר שמתי מצבה – דאָס אָרט, וואו עס ווערט יעצט געשטעלט א מצבה – יה׳י בית אלקים – וועט זיין אַ מקום פון בעטען רחמים פאַר'ן בורא עולם – וזה שער השמים – דאָ וועט זיין אַן־אָרט, פון וואַנען די טרעהרען פון די ליידענדע טשענסטאָכאָווער יודען וועלען דערגעהן צו די שערי־השמים.

א. י.

כ׳ אייר תרצ״ו - כ׳ אייר תרצ״ח

דער קאָמיטעט ביי דער קהלה צו בעעהרען דעם אנדענקען פון הרב נחום אַש זצ״ל מעלדעט פאָלגענדעס:

מאָרגען, שבת, כ׳ אייר, פאַלט אויס די צווייטע יאהרצייט פון אונזער לאַנגיעהריגען חשוב'ן רב ר׳ נחום אַש זצ״ל.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווענדעט זיך דער קאָמיטעט צו אַלע גבאים פון שוהלען, שטיבלעך און בתי־תפלות, אַז שבת, בעת'ן דאַווענען, זאָלען נאָך קריאת התורה געמאכט ווערען אזכרות לנשמתו של הרב נחום בר׳ דוד צבי ז״ל.

צומאָרגענס, זונטאג, 11 א זייגער פריה, וועט אויפ'ן בית עולם פאָרקומען א פייערליכע אזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה על קברו של הרב ז״ל.

די יודישע בעפעלקערונג ווערט געבעטען אנטייל צו נעמען אין דער טרויער הזכרה בעת דער מצבה ענטהילונג און די גבאים פון די בתי־תפלות און פערוואַלטונגען פון די יודישע אינסטיטוציעס–צו דעלעגירען זייערע פאָרשטעהער.

פייערליכע הזכרה אין דער שטאָדט־שוהל.

אין שייכות מיט דער צווייטער יאהרצייט פון הרב ז״ל, וועלכער האט צענדליגער יאהרען געדאַווענט אין דער שטאדט־שוהל, וועט מאָרגען שבת, נאָך קריאת־התורה, געמאכט ווערען אַ פייערליכע הזכרה פאַר'ן רב ז״ל דורכ'ן חזן כאַלעצוואַ מיט'ן כאָר.

די גבאים פון דער שוהל בעטען דעריבער אַלע מתפללים זיי זאָלען מאָרגען קומען דאַווענען אין דער שוהל און אנטייל נעהמען אין דער הזכרה.

גלייכווערטלעך פון רב ז״ל

גדולה גמילת חסדים יותר מצדקה

אין יאהר 1902 איז אין טשענסטאָכאָוו פאָרגעקומען א פאָגראָם, בעת וועלכען ס'האבען געליטען פיעל יודען, דערונטער אויך מעהרערע נכבדים. עס איז דאַן געזאַמעלט געוואָרען געלד אין דער שטאָדט און אויך אין דער פרעמד, בכדי צו געבען די געליטענע א מעגליכקייט, זיי זאָלען קענען דערהאַלטען זייערע עגזיסטענצען. כדי אָבער צו געבען די שטיצע בדרך כבוד, איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז דאס געלד זאָל פערטיילט ווערען אין דער פאָרם פון א הלואה, און יעדער זאָל אונטערשרייבען וועקסלען אויף דער סומע, וואס ער בעקומט.

איינער פון די געליטענע, וואס האט נישט פערשטאַנען די אמת'ע כוונה דערפון, האט געפרעגט דעם רב ז״ל, וועלכער איז געווען פאָרזיצענדער פון קאָמיטעט, הלמאי דאס געלד, וואס איז געזאַמעלט געוואָרען צו פערטיילען, ווערט גאָר אויסגעבאָרגט? דערויף האט איהם דער רב ז״ל געענטפערט בדרך הלצה: לעולם איז דאס געלד אויך אַוועקגעגעבען געוואָרען נישט צוריקצונעמען, נאָר אזוי ווי גדולה גמילת חסדים יותר מצדקה–דער שכר פון געבען גמילת חסד איז גרעסער, ווי פון געבען צדקה, דעריבער האָבען מיר, קאָמיטעט־מיטגלידער, בעשלאָסען, אַז ס'זאָל הייסען גמילת חסד. און וואס קען אייך שאַדען, אַז מיר וועלען בעקומען דערפאַר א גרעסטער חלק עולם הבא?!.. איהר, יעדענפאַלס, קענט גאַנץ רוהיג זיין–דאס געלד בלייבט ביי אייך.

כבר נעשה אדם

מיט עטליכע דרייסיג יאהר צוריק איז אין אונזער שטאָדט בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען אויפנעמען א דיין. דער רב ז״ל האט צוזאַמענגערופען אַן'אסיפה פון פאָרשטעהער פון אַלע היגע חסידים און כלל־טוער, כדי זיך מיט זיי צו בעראַטען וועגען א פאַסענדען קאַנדידאַט אויפ'ן דיינות־אַמט. אויף דער אסיפה זענען ענטשטאַנען סכסוכים צווישען די פערשידענע חסידים; יעדער האט געוואָלט אַלס דיין זיינס א חסיד און געטאָדעלט דעם קאַנדידאַט פון צד שכנגד, אזוי אַז ס'איז נישט געקומען צו קיין שום רעזולטאַט. דער רב ז״ל האט איבערגעריסען די זיצונג און ביים שלום וואָרט געזאָגט: איך האָב שוין א דיין און אייערע אָרומרייסענישען זענען איבעריג. אויף דער פראַגע פון איינעם פון די פערזאַמעלטע, אַז אויב דער רב האט שוין בעשטימט א דיין, טאָ צו וואס איז נויטיג געווען די יעצטיגע אסיפה, האט דער רב ז״ל געענטפערט: מיר זעהען, אַז ווען ג־ט האט געוואָלט בעשאַפען דעם מענש, האט ער צוזאַמענגערופען חסד, אמת, צדק און שלום און זיי געפרעגט: יברא אָדער לא יברא? איז געקומען חסד און געזאָגט: יברא–בעשאַפען, ווייל כולו חסדים–דער מענש איז פול מיט חסדים. האט אמת געזאָגט: אל יברא–נישט בעשאַפען, שכולו שקרים–דער מענש איז פול מיט פאַלשקייט. איז ווידער געקומען צדק און געזאָגט: יברא–בעשאַפען, שכולו צדקה. צום לעצט איז געקומען שלום, וועלכער האט געזאָגט: אל יברא, שכולו קטטה–דער מענש איז פול מיט קריגערייען. דערויף האט ג־ט געזאָגט: כבר נעשה אדם–דער מענש איז שוין אָהן אייך בעשאַפען געוואָרען.

שטעלט זיך דעריבער–האט געזאָגט הרב ז״ל–די זעלבע פראַגע: אויב דער רבש״ע האט שוין געהאַט אליין בעשאַפען דעם מענש, טאָ, צו־וואס האט ער צוזאַמענגערופען די אסיפה? נאָר דער ענין זעהט אויס אזוי צו זיין: ג־ט האט געוואָלט הערען די מיינונג פון די וויכטיגסטע זיילען, אויף וועלכע די וועלט שטעהט, און ארויסגעוויזען האט זיך, אַז יעדער פון זיי האט געהאַט דערביי זיין איינזייטיגען אינטערעס. „חסד" האט געזאָגט: בעשאַפען, ווייל ער איז מיין חסיד–שכולו חסדים. „אמת" האט געזאָגט: נישט בעשאַפען, ווייל ער איז זיינס א געגנער–שכולו שקרים, און דאס וואס דער מענש איז כולו חסדים, כולו צדקה, אינטערעסירט דעם „אמת" נישט. קומט ווידער „צדק" און זאָגט: בעשאַפען, שכולו צדקה–אויך זיין חסיד, אָי, דער מענש איז פול שקר–דאס אַהרט איהם נישט. צום לעצט איז געקומען „שלום", וועלכער זאָגט: אל יברא–נישט בעשאַפען, שכולו קטטה–ער איז זיינס א געגנער, ווייל ער האַלט נישט פון קיין שלום, נאָר איז א בעל מחלוקה; די מעלות ווידער אין דער הינזיכט פון חסד און צדקה האָבען פאַר איהם נישט קיין שום בעדייטונג. דעמאָלס האט דאס ג־ט געזאָגט: עד שאתם מדיינים זה עם זה–היות איך זעה, אַז אייך אינטערעסירען נישט די מדות פון מענש, נאָר דאס וויכטיגסטע פאַר אייך איז, צי ער איז פון אייער חברותא–כבר נעשה אדם–וועל איך מיר שוין אַן'עצה געבען אָהן אייך.

דאס זעלבע–האט הרב ז״ל ווייטער געזאָגט–איז יעצט: איך האָב אייך גערופען, כדי אויסצוהערען אייער מיינונג וועגען א דיין. ווי ס'האט זיך אָבער ארויסגעשטעלט, אינטערעסירען אייך נישט די מידות פון קאַנדידאַט, נאָר צי ער איז אייערס אַנ'אַנהענגער, אייערס א חסיד; מעג ער אפילו זיין פול שקרים און א בעל־קטטה–געהט דאס אַלעם אייך נישט אָן. דעריבער ווידערהאָל איך אייך אויך די זעלבע ווערטער: עד שאתם „מדיינים" זה עם זה, כבר נעשה אדם–ביז איהר וועט זיך אויסקריגען וועגען א דיין, וועל איך נעמען א דיין אָהן אייער עצה...

בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל

מיט עטליכע יאהר צוריק איז פאָרגעקומען א בודזשעט זיצונג פון דער קהלה, בעת וועלכער דער ראַט האט געשטימט געגען דער פערוואַלטונג און דאָדורך האבען געליטען די קהלה־הכנסות. אויף א פערזאַמלונג פון די ראשי־הקהלה מיט די ראַט מיטגלידער האט הרב ז״ל געזאָגט: ווען משה רבנו איז געגאַנגען זיך געזעגנען מיט די יודען און זיי אָנגעוויזען ווי צו פיהרען זיך אין דער צוקונפט, האט ער ערקלערט: ווען וועט זיין בישורין מלך–ווען וועלען די יודען זיך קענען לעבען רוהיג–בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל–ווען די ראשי־הקהלה וועלען זיך צוזאַמענקומען יחד–בדעה אחת, מיט איין דעה, שבטי ישראל–מיט די פאָלקס־אויסדערוועהלטע (ראַט), דעמאָלס יחי ראובן ויהי מתיו מספר–וועט דאס יודישע פאָלק אויפלעבען און זיין צאָהל וועט זיין בעדייטענד.

אריכות־ימים...

דער רב ז״ל איז אַמאָל געגאַנגען זאַמלען געלד פאַר דער תלמוד תורה און בעזוכענדיג אַן'עלטערן גביר, א משכיל, פערלאַנגט א גרעסערע נדבה און דערפאַר איהם צוגעזאגט אריכות־ימים. דערויף האט דער לעצטער ערקלערט: איך וויל טאַקי אריכות־ימים, אָבער איך בין נישט מחויב צו געבען מעהר, וויפיעל עס האט געגעבען דער און דער אָרטאָדאָקסישער גביר (דערביי האט ער אָנגערופען א נאָמען פון א היגען חסידישען גביר, א קמצן). דער רב ז״ל האט איהם דאַן געענטפערט: צוויי רפואות זענען פערהאַן צו אריכות־ימים: די ערשטע איז–אונטערשטיצען לומדי תורה, ווי דער פסוק זאָגט: ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כולכם היום–זאָגען די חז״ל: הדבק בתלמידי חכמים–אויב איהר וועט אונטערשטיצען לומדי־תורה, וועט איהר לאַנג לעבען. די צווייטע רפואה איז: געהן ערב ובוקר אין דער שוהל דאַווענען–למען ירבו ימיכם על האדמה–דמקדמי ומחשכי לבי כנישתא. דעם אָרטאָדאָקסישען נגיד – האט ווייטער געזאָגט הרב ז״ל–האָב איך נישט געהאט וואס צו פערקויפען, ווייל ער געהט ערב ובוקר צום דאַווענען, האט ער זיך שוין אָהן מיר געשאַפען אריכות־ימים. איהר אָבער, וועלכער האַלט נישט אזוי שטאַרק פון דאַווענען, מוזט דעריבער גוט בעצאָהלען און מחמת דעם דאַרפט איהר געבען א גרויסע נדבה פאַר דער תלמוד תורה.

הולך ואינו עושה

א משולח פון א ישיבה איז אַהערגעקומען זאַמלען געלד און מושווה געוואָרען מיט א היגען יוד, ער זאָל מיט איהם מיטגעהן ווייזען, וואו עס וואוינען נגידים. דער יוד האט זיין פליכט בשלימות אויסגעפיהרט, געגאַנגען פון דערפריה ביז ביינאַכט, אָבער א טייל נגידים האָבען זיי נישט געטראָפען אין דערהיים, אַנדערע ווידער האָבען זיך אָבגעזאָגט צו געבען נדבות, אזוי אַז דאס געשעפט האט נישט גענוינט. דער משולח האט דעריבער נישט געוואָלט בעצאָהלען דעם בעגלייטער זיין שכר, זאָגענדיג, אַז זיין טרחה האט נישט געבראַכט קיין שום נוצען. ביידע זענען דאַן געקומען צום בית־דין אויף א דין־תורה. אויסהערענדיג די טענות, האט דער רב ז״ל געפּסקענט, אַז ס'קומט דעם בעגלייטער צו בעצאָהלען, צוליב דעם, וואס ה ו ל ך–אויב דער יוד האט דאס זייניגע ערפולט, ער איז געגאַנגען–אפילו אינו עושה, ווען זאָגאַר ער האט גאָרנישט אויפגעטאָהן–שכר הליכה בידו–קומט איהם צו בעצאָהלען פאַר זיין טרחה...

ושלום יוסיפו לך

צום רב איז געקומען א היגער בעל־הבית מיט א שאלה: אזוי ווי זיין זוהן איז געפעהרליך קראַנק און געוועהנליך זעצט מען צו אין אַזאַ פאַל א חולה דעם נאָמען ח י י ם, טאָ וואס פאַר א נאָמען זאָל ער צוגעבען זיין זוהן, וואס הייסט גראַד ח י י ם. דער רב ז״ל האט געהייסען צוגעבען דעם נאָמען ש ל ו ם און האט עס בעגרינדעט מיט א פסוק: כי אורך ימים ושנות ח י י ם, בכדי ח י י ם זאָל האָבען אריכות־ימים ושנים–ש ל ו ם יוסיפו לך–זאָל איהם ווערען צוגעגעבען דער נאָמען ש ל ו ם.

הרב נחום אש ז"ל

אונזער אויפגאבע אין די גלות-לענדער.

(א קאפיטעלו פון חבור „א טרייסט-ווארט פאר'ן יודישען פאלק”).

כה אמר ד' צבאות אלקי ישראל לכל הגולה אשר הגליתי מירושלים בבלה: בנו בתים ושבו ונטעו גנות ואכלו את פרין וכו'.
ודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה והתפללו בעדה אל ד' כי בשלומה יהיה לכם שלום (ירמי' כ"ט).

פיעל גלויבען און בעהויפטען, אז ישראל פיהלט זיך נישט צוגעבונדען צו די גלות-לענדער, אין וועלכע ער האלט זיך אויף, זיי זענען פאר איהם נאר א צייטווייליג וואוינארט, א דירת ארעי, צו וועלכער ער פיהלט נישט קיין ליעבע. אבער דאס איז נישט אמת; דאס טראכטען נאר אויס די געוועזענע און היינטיגע פערשידענע המן'ס. אויב דער עכט-גלויביגער יוד האט נישט פערלוירען די האפנונג צו דערלעבען א גרויסע צייט, א צייט, וועלכע וועט איהם פערשאפען בעלוינונג פאר די טויזענד-יעהריגע, אפט גאנץ אונשולדיגע, ליידען, איז ער אבער דאך פון דער אנדערער זייט נישט וועניגער צוגעבונדען און צוגעטון צו זיין נעגענווארטיגער היים, וואס שיצט איהם און ערנעהרט, אין וועלכער ער האט פון דורי דורות זיך איינגעלעבט און אין וועלכער זיינע עלטערן האבען דאס ערשטע און דאס לעצטע מאל ג-טס ליכט דערזעהען. די געשיכטע, דער אונפארטייאישער עדות, קען דיענען דערצו אלס בעסטער בעווייז. אזוי זענען די מלוכה-מענער אין מצרים, בבל און אין פרס: יוסף, דניאל, עזרא, נחמיה, מרדכי, אויך אין די שפעטערע צייטען, ווי צב"ש אין שפאניען, געוועזען גלייכצייטיג שטרענגע אנהענגער פון יודישען גלויבען און גרויסע יודישע פאטריאטען. אויך אין דער יעצטיגער צייט פערנעהמען אין די מערב-לענדער מיניסטארען-שטעלעס און אנדערע פעראנטווארטליכע מלוכה-פאסטענס יודען, וועלכע ארבייטען גלייך פאר דער אויפלעבונג פון יודישען פאלק, און זייער טעטיגקייט אויף די ביידע געביעטען פערטראגט זיך גאנץ גוט מיטאיינאנדער.

דעם זעלבען געדאנק געפונען מיר אויך אין סוף מגלת אסתר. דארט ווערט געזאגט: וכל מעשה תקפו וגבורתו ופרשת גדלת מרדכי אשר גדלו המלך הלא הם כתובים על ספר דברי הימים למלכי מדי ופרס — „מרדכי'ס ווערק און פערדיענסטען פאר דער מלוכה און אויך די גרויסע מאכט און קראפט, מיט וועלכע דער קעניג האט איהם בעשאנקען, זענען בעשריבען אין די טאג-ביכער פון די קעניגען פון מדי און פרס”. אויך איז דארט, אין געגענזאץ צו המן'ס בלבולים אויף יודען, אז זיי זענען סעפאראטיסטען און נישט לאיאל צו דער מלוכה — ודתיהם שונות מכל עם ואת דתי המלך אינם עושים — פערצייכענט: כי מרדכי היהודי משנה למלך אחשורוש וגדול ליהודים,.. דורש טוב לעמו. מרדכי איז געוועזען א משנה למלך, פערנומען נאכ'ן קעניג דעם העכסטען מלוכה-פאסטען און דערביי געוועזען גדול ליהודים, אנגעזעהען ביי יודען, ודורש טוב לעמו, — און אנ'איבערגעגעבענער טוער פאר די אינטערעסען פון יודישען פאלק.

די צוגעבונדענקייט צו זיין פאטערלאנד איז דעם יוד טיעף איינגעפרעגט, און הארמאניזירט פולשטענדיג מיט זיין גלויבען אין יענע צוקונפט, וועלכע איז איהם צוגעזאגט געווארען דורך די נביאים. און דאס שיינט צו זיין דער זין פון דער גמרא (כתובות קי"א): ג-ט האט בעשווארען די יודען, אז זיי זאלען אין די לענדער, וועלכע עס וועט זיי בעשערט זיין צו בעוואוינען, טריי און לאיאל ערפילען זייערע בירגער-פליכטען. מיט דעם אויסדרוק „בעשווארען” מיינט מען דא צו זאגען, אז ג-ט האט אין די יודען איינגעווארצעלט און איינגעפלאנצט די צוגעבונדענקייט און ליעבע צו דעם לאנד, אין וועלכען זיי געפונען רוה און שוץ, גלייך מיט דער נאטור, אזוי אז דער יוד האלט זיין היימאטסלאנד פאר א ווירקליך פאטערלאנד, ווארפט זיך אונטער זיינע פארשריפטען, רעספעקטירט זיינע געזעצען.

דער יוד העלפט מיט צו דער ענטוויקלונג פון לאנד, בויט אין איהם הייזער, פלאנצט גערטנער, פערשענערט עס, פערבעסערט עס, פערשפרייט די אינדוסטריע, העבט האנדעל. דאס איז די אויפגאבע פון די יודען אין די גלות-לענדער און אין דעם גייסט האט דער נביא ירמי' געגעבען אנווייזונגען די יודען, וואס האבען זיך בעזעצט אין בבל: בנו בתים ושבו ונטעו גנות ואכלו את פרין — „בויט הייזער און בעוואוינט זיי, פלאנצט גערטנער און געניסט פון זייערע פרוכטען” א. א. וו.

ודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה—„שטרעבט און זארגט פאר דעם פרידען און וואוילשטאנד פון דעם לאנד, אין וועלכען איהר לעבט”, והתפללו בעדה אל ד'—„און בעט פאר איהם צו ג-ט”.

די גרויסע אידעע פון פאטערלאנד איז און זאל זיין דעם יוד טייער און הייליג. מיט ליעבע און אויפאפפערונג, עהרליך און געוויסענהאפט, זאל ער ערפילען אלע פליכטען פון א בירגער, צונויפבינדענדיג זיין גורל מיט'ן גורל פון לאנד, אנטייל נעמען אין אלגעמיינעם פרייד און טרויער. זיין פערשטאנד, זיין צייט, זיין פערמעגען און בלוט זאל ער דעם לאנד שטעלען צום דיענסט; קעמפען, ווען דער קאמף איז נויטיג, ברענגען אפפער, ווען זיי זענען אונפערמיידליך.

(ודרש) כי בשלומה יהיה לכם שלום.

דאס ווארט, די רעדענס-קראפט, בענוצט אין דער ריכטיגער צייט, האט איביג געהאט די גרעסטע ווירקונג, עס האט ארויסגערופען די וויכטיגסטע און היילזאמסטע פערענדערונגען, אזוי אין די מוחות און הערצער פון איינצעלנע מענשען, ווי אויך אין הייזער און פאמיליעס, פעלקער און לענדער.

אויך אין דער געגענווארטיגער צייט, ווען די געמיטער זענען אויפגערעגטער, עמפפינדליכער ווי געוועהנליך, קען דאס ווארט ווירקען שטארק, אויסערגעוועהנליך, קען ברענגען טויט און לעבען — מות וחיים ביד לשון (משלי י"ח כ"א).

און ווען פון איין זייט ווערט דאס ווארט, די הימלישע מתנה, בענוצט צו גיסען גיפט, פעך און שוועבעל אויף ישראל'ס קאפ, זאל פון דער אנדערער זייט דער יוד, זעהר בעזינען און פארזיכטיג, ארויסטרעטען מיט פאסענדע ווערטער און לאגישע ארגומענטען. איבערגעגעבען און אונערשראקען, ווען דאס נוצט און איז נויטווענדיג פאר דעם גליק פון זיינע ברידער, פאר דעם שוץ פון אונשולדיגע און אונטערדריקטע, פאר דעם וואויל פון דער גאנצער מענשהייט. מוטיג און שטאלץ זאל ער שיצען דעם כבוד פון אונזער פאלק געגען די אנפאלען פון זיינע שונאים; פערלאנגען, אז די פרינציפען פון פרייהייט און גלייכהייט, וואס ווערען אנגעווענדעט אין די מלוכות פאר דער בעפעלקערונג, זאלען אין א גלייכער מאס אויך אנגעווענדעט ווערען בנוגע די יודישע בירגער; אונערמידליך ארבייטען פאר דער דורכפיהרונג און פערווירקליכונג פון די דאזיגע פאדערונגען, ביז עס וועלען ענדליך אריינדרינגען אין בעוואוסטזיין פון די פעלקער די ווערטער פון גרעסטען חכם און קעניג שלמה: ויתרון ארץ בכל הוא (קהלת ה') — דאס גליק פון יעדען לאנד איז אבהענגיג פון פרידליכען צוזאמענלעבען פון אלע זיינע איינוואוינער, וואו אלע פעלקער געניסען צוגלייך פון די רעכט און ארבייטען מיט געמיינזאמע כחות פאר'ן וואוילשטאנד פון דער מלוכה.

אזוי ארום וועט ער ערפילען און נאכקומען ג-טס ווארט דורכ'ן נביא: „שטרעבט, בעט און ארבייט-מיט פאר דעם גליק און וואוילשטאנד פון לאנד, אין וועלכען כ'האב אייך אוועקגעפיהרט; און — ארבייט, שטרעבט און פאדערט, דאס דער דאזיגער וואוילשטאנד זאל זיין און בלייבען אויך אייערער”.

ווען הרב ז"ל האט איבערגענומען דאס כסא-הרבנות אין טשענסטאכאוו...

(א געשיכטליכער עפיזאד).

לאנגע יאהרען האט זיך אין אונזער שטאדט געפיהרט א פערביטערטער קאמף צווישען די פארטגעשריטענע און רעליגיעזע יודען ארום פערשידענע קהלה-ענינים. פערגרעסערט האט זיך די מחלוקה אין די יאהרען 1889—91, ווען אין דער שפיץ פון דער קהלה איז געשטאנען דער דאזאר-זעלבסטהערשער קארל גינסבערג, וועלכער האט נישט רעכענענדיג זיך מיט קיינעמס מיינונג, ארויסגעגעבען פאלגענדע בעפעהלען:

1) אז אין דער שוהל זאלען די מתפללים נישט אויפגערופען ווערען צו קריאת התורה מיט'ן נאמען, נאר: יעמוד כהן, יעמוד לוי, יעמוד מפטיר א.ז.וו. (צו יענער צייט איז אין טשענסטאכאוו, א חוץ שטיבלעך און מנינים, נישט מעהר געווען, ווי די אלטע שוהל, וואו ס'האבען געדאווענט אויך די פארטגעשריטענע יודען);

2) אז אין דער תלמוד תורה זאל תנ"ך נישט געלערנט ווערען אין „זשארגאן”, נאר אין דער דייטשער שפראך, מיט מענדעלזאנ'ס איבערזעצונג;

3) אז דאס בית הקברות אויף קוצעלין זאל פערלויף פון א יאהר געשלאסען ווערען און ס'זאל תיכף אבגעשטעלט ווערען דאס רעזערווירען דארט פרישע קברים. גלייכצייטיג זאל די חברה קדישא צוזאמען מיט דער קהלה זוכען א פאסענדען פלאץ אויף א בית-הקברות אין אנ'אנדערער געגענד, וואו דער צוגאנג איז א בעסערער (דאמאלס איז נאך נישט געווען קיין שאסע צום ביה"ק, אזוי אז ווינטער צייט איז דאס אהינפאהרען טיילמאל געווען פערבונדען מיט סכנת נפשות).

דער פראיעקט-געבער פון די נייע תקנות איז געווען דער אמאליגער חסיד און שפעטערדיגער משכיל משה ראובן טענדלער, וועלכען די פארטגעשריטענע יודען האבען בעטראכט אלס למדן און בקי אין רעליגיעזע ענינים.

ס'פערשטעהט זיך, אז די פרומע יודען און בראש די חסידים זענען געווען געגען די „רעפארמען” און ענערגיש ארויסגעטרעטען געגען זיי.

דער דאזאר גינסבערג איז אבער נישט געבליבען בלויז ביים רעדען, ער איז אויך געווען אנ'איש-מעשה, האט ער טאקי גלייך בעשטעלט ביי א גראווירער מעשענע טאוולען מיט די אויפשריפטען: כהן, לוי, ישראל א.ז.וו., וועלכע זאלען יעדען שבת פאר קריאת התורה פערטיילט ווערען צווישען די בעלי-בתים, וואס דארפען עולה לתורה זיין; ער האט אויך פעראָרדענט די גבאים, אז פון שבת אן זאל קיינער מעהר נישט גערופען ווערען צום לייענען — מיט'ן נאמען.

די חסידים פון זייער זייט האבען אויך נישט געשוויגען, מאביליזירט אויף שבת אלע זייערע אנהענגער אין דער שוהל אריין, בכדי זיך אקעגענצושטעלען דעם גזר-דין, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין נאמען פון די ראשי-הקהלה.

בעת דער שוהל-שמש אבא פעלץ האט אין זעם „היסטארישען” שבת אויסגערופען לתורה מיט'ן „יעמוד כהן” (דער שטאדט-חזן לאנדינסקי ז"ל האט די דאזיגע מיסיע נישט געוואלט אננעהמען), האבען די חסידים זיך אוועקגעשטעלט ארום דער באנק, וואו דער כהן האט געדארפט אדורכגעהן צום בעלעמער און איהם פון דארט נישט ארויסגעלאזט, אזוי אז ס'איז געקומען צו א גרויסען סקאנדאל און די ראשי הקהלה האבען מיט בזיונות געמוזט פערלאזען די שוהל.

די דאזארעס, זעהענדיג, אז זייער בעשלוס ווערט נישט אויסגעפיהרט און אז אויך א גרויסער טייל פון די שוהל בעלי-בתים איז נישט מסכים מיט דער נייער תקנה, האבען זיי געדונגען א לאקאל אויף דער אלעע 10 און איינגעארדענט א שוהל פאר די פארטגעשריטענע יודען. דאגעגען אבער האבען די דאזארעס גענומען שטרענג אדורכפיהרען די אנדערע צוויי תקנות — פון דער תלמוד תורה און בית הקברות.

עטליכע וואכען שפעטער זענען פארגעקומען דאזאר וואהלען. אלע רעליגיעזע יודען—חסידים אין בעלי-בתים—האבען זיך פעראייניגט און אויסגעקליבען: מצד די חסידים — דניאל בעהם, בעלי-בתים — יצחק קרוק, ווי אויך דעם האלב פארטגעשריטענעם מיכאל הערץ, וועלכער איז טראץ דער „רעוואלוציע” פון זיינע חברים, געבליבען א שוהל-מתפלל. ס'האט דעריבער געשיינט, אז דער שלום אין אונזער קהלה איז געווארען צוריקגעשטעלט.

אויסגעלאזט האט זיך אבער אנדערש. די פארטגעשריטענע יודען האבען דעם דאזאר הערץ אריבערגעצויגען אין זייער לאגער, און הערץ האט די רעפארמען, הויפטזעכליך דעם „יעמוד”, אדורכגעפיהרט אין דער שוהל מיט דער גאנצער שטרענגקייט מיט'ן כח פון „קנעפיל”. צוליעב דעם איז געקומען צו א מחלוקה נישט בלויז צווישען די ריכטונגען, נאר אויך צווישען די ראשי-הקהלה הערץ און בעהם.

אין יאהר 1894 האט הרב ז"ל איבערגענומען דאס היגע כסא-הרבנות. ווי נאר דער רב איז אנגעקומען, האבען זיך פאר איהם פארגעשטעלט די ראשי-הקהלה און ערקלערט, אז צוליעב די דערמאנטע ארומרייסענישען אין דער שטאדט זענען זיי נישט אימשטאנד ווייטער צו פיהרען די קהלה טעטיגקייט; זיי האבען אפילו שוין לאנג געהאט בדעה זיך צו ענטזאגען פון זייערע אמטען, נאר צוליעב דעם, וואס די קהלה האט נישט געהאט קיין מנהיג-רוחני אין זייער אבזאג וואלט נאך פערגרעסערט דעם כאאס אין דער קהלה ווירטשאפט, האבען זיי זיך פון זייער שריט פארלויפיג אבגעהאלטען. יעצט אבער לעגען זיי זייערע דאזאר-מאנדאטען און גיבען איבער די גאנצע קהלה-ענינים אין די הענד פון רב, ער זאל טהון, ווי ער פערשטעהט.

אויך די ביידע געגנערישע צדדים האבען זיך געווענדעט צום רב, פארגעשטעלט זייערע פאדערונגען און געבעטען, אז דער רב זאל ארויסזאגען וועגען דעם זיין ענדגילטיגען פסק און ככל היוצא מפיו — יעשה.

אין חודש אלול תרנ"ד (1894) האט הרב ז"ל צוזאמענגערופען אנ'אסיפה פון עטליכע צענדליג פערזאנען פון אלע ריכטונגען מיט די דימיסיאנירטע דריי דאזארעס: בעהם, הערץ און קרוק בראש, בכדי זיך צו בעקענען מיט די סיבות, וואס האבען גורם געווען צו די רייבונגען צווישען די היגע יודען.

משה ראובן טענדלער האט אין נאמען פון די פארטגעשריטענע ערקלערט, אז היינט, ווען די וועלט איז מעהר ציוויליזירט, פערלאנגט זיך אויך אין די רעליגיעזע ענינים א פארטשריט און דעריבער מוז אין דער שוהל, תלמוד תורה א. ז. וו. איינגעפיהרט ווערען א נייע ארדנונג, לויט'ן גייסט פון דער צייט, און דאס האט טאקי זיין ריכטונג געוואלט אדורכפיהרען. אויב מען וועט איהם ווייזען א דין פון די ראשונים (אויף די אחרונים וויל ער זיך נישט פערלאזען, ווייל ס'שמעקט שוין מיט חסידות), אז מען טאר נישט אויפרופען „יעמוד כהן” און אז למודי-קודש מוזען געלערנט ווערען אין „זשארגאן”, וועט זיין ריכטונג צוריקציהען די ארויסגעשטעלטע פאדערונגען. יעדענפאלס — האט טענדלער ערקלערט — פערלאזט זיך זיין גרופע אויפ'ן פסק פון הרב ז"ל.

אויסהערענדיג אויך דעם צווייטען צד, האט הרב ז"ל ארויסגעטראגען דעם פאלגענדען פסק:

א) וואס אנבעלאנגט דעם „יעמוד” איז טענדלער'ס טענה א נישט-בערעכטיגטע, ווייל אויף א מנהג פון הונדערטער יאהרען דארף מען נישט זוכען קיין דין. פערקעהרט, אויב מען געהט איינפיהרען א נייעם סדר, מוז מען זעהען וואס ס'איז זיין יסוד. דער מנהג פון „יעמוד כהן”, וואס איז איינגעפיהרט אין פיעל שוהלען אין דייטשלאנד, פראנקרייך א. ז. וו. נעמט זיך דערפון, וואס אין יענע מקומות איז געפאלען דאס רעליגיעזע און מאראלישע פאמיליען לעבען און ס'האבען געקענט ענטשטעהן ספקות בנוגע דעם אמת'ן פאטער פון עולה לתורה; דעריבער האבען דארט די רעליגיעזע יודען, בכדי מען זאל נישט אויפרופען מיט א נאמען, וואס שטעהט אונטער א פראגע צייכען — דלמא לאו אביו הוא — איינגעפיהרט דעם „יעמוד כהן”.

איידער איך בין דא געווארען רב — האט ווייטער געזאגט הרב ז"ל — האב איך גענומען אויסקונפט אויף מיינע נייע בעלי-בתים, אזוי גוט ווי איהר האט דאס געטהון בנוגע מיר, און כ'בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז איהר זענט ערנסטליכע מענשען, פיהרט א יודיש לעבען, דעריבער קען איך נישט ארויסטראגען א פסק, וואס זאל זיין א מאראלישער פלעק פאר מיינע בעלי-בתים און זאג, אז מען קען אייך אלע דרייסט אנרופען מיט אייער נאמען און נאמען פון אייער פאטער.

וואס אנבעלאנגט דער פראגע פון די למודי-קודש אין דער תלמוד תורה, גלויב איך, אז די חסידישע יודען האבען נישט דאגעגען, אז מען זאל לערנען די תלמידים די דייטשע שפראך, זיי זענען אבער געגען פערטייטשען למודי-קודש אויף דייטש. דער רב ז"ל האט דעריבער פארגעלעגט אין משך פון א יאהר ארויסצופרובירען ביידע שיטות און די צייט וועט ווייזען, וועלכע שיטה ס'דארף ווערען אנגעווענדעט.

אין ענין פון בית-הקברות ווידער האט הרב ז"ל זיך ארויסגעזאגט, אז ס'זאל געשאפען ווערען א קאמיסיע פון אלע פעראינטערעסירטע ריכטונגען צוזאמען מיט פארשטעהער פון דער חברה קדישא און די קאמיסיע זאל אויסזוכען א געהעריגען פלאץ און איהם איינארדנען. ביז דאן זאל ווייטער בענוצט ווערען דאס אלטע בית הקברות אהן שום בעגרענצונג.

ביידע צדדים האבען איינגעשטימט אויפ'ן פסק פון רב. פאר די פארטגעשריטענע איז די ערקלערונג פון רב ז"ל וועגען דעם זין פון „יעמוד כהן” איבערהויפט געווען א סיורפריז, ווייל ביז דאן האבען זיי עס געהאלטען אלס א געוויסען „פראגרעסיווען שריט”.

די פארשטעהער פון די חסידים: נתן פאנקאווסקי און אברהם שלום וועקסלער, איינזעהענדיג, אז די פארטגעשריטענע בעציהען זיך צום רב'ס פסק דין מיט א יראת-הכבוד, האבען דערויף ערקלערט, אז מפני דרכי-שלום זאגט זיך זייער צד אב פון יעדער פארשטעהערשאפט אין דער קהלה און איז גרייט צו וועהלען אלע דריי דאזארעס פון די פארטגעשריטענע קרייזען. די רעליגיעזע ענינים אבער דארפען אנפערטרויט ווערען אויסשליסליך דעם רב.

אין פערלויף פון א קורצער צייט זענען א דאנק דער מיטווירקונג פון רב ז"ל די סכסוכים ארום די אויבענדערמאנטע ענינים איינגעשטילט געווארען. די פראגע וועגען לערנען למודי קודש איז געלעזט געווארען אויף דעם אופן, אז די אונטעררי כטס-שפראך איז געבליבען יודיש און די דייטשע שפראך איז געלערנט געווארען אלס בעזונדערער געגענשטאנד. צום בית-הקברות איז איינגעארדענט געווארען א שאסע אויפ'ן חשבון פון די חברה קדישא-פאנדען — פאר אנ'ערך 20 טויזענד רובל און דערנאך איז דער שטח נעבען בית הקברות פערגרעסערט געווארען דורך צוקויפען שכנות'דיגע פלעצער. אזוי-ארום האט דער ענין פון איינארדנען א בית עולם אויף אנ'אנדערען פלאץ פערלוירען זיין אקטואליטעט.

בעת די נייע קהלה-וואהלען, וואס זענען באלד דערנאך פארגעקומען, זענען איינשטימיג אויסגעוועהלט געווארען דריי דאזארעס פון די פארטגעשריטענע קרייזען: אדוו. גליקסאן, מארקוס העניג און מארקוס ראטשילד, וועלכע האבען די רעליגיעזע ענינים איבערגעלאזט פולשטענדיג צו דער קאמפעטענץ פון רב ז"ל.

י. גינז (ירושלים)

וואס דער אלטער קאלאניסט דערצעהלט

א יודישען ישוב און בפרט א אלטען ישוב איז גוט צו בעזוכען אין די פארמיטאג-שעה'ן; אזוי ארום צעהן אינדערפריה, ווען אלץ איז בעשעפטיגט, אלץ ארבייט און אין דער קאלאניע בלייבען קליינע קינדער און אלטע זיידעס און באבעס.

די דארפס גאס איז אויסגעשטארבען, אין דער מיט גאס ליגט זיך א הונד ברחבות—מעשה באלעבאס, עופות טרעטען שבת'דיג-לאנגזאם-געהען צוגאסט פון איין הויף אין צווייטען. אט אין די שעה'ן קענט איהר אריינגעהן אומגעשטערט אין וועלכען הויף איהר ווילט, א קוק טהון אין שטאל, אין היהנערשטאל, און נאכהער זיך פריי ארייננעהן אין קאלאניסטישען הייזעל, אלע הייזלעך פון דער קאלאניע שטעהען אפען—כל דכפין..... דארטען איז די לופט נישט תמיד פריש, הגם די קאלאניע שטעהט אזוי פריי צווישען פעלדער און איז אפען פאר יעדען ווינד און ווינ־על, ווייל די הייזלעך זענען געבויט אלטמאדיש און זייערע בעוואוינער זענען אלטמאדישע. גוטע לופט איז אינדרויסען, אין שטוב דארף מען דאס נישט. דארטען וועט איהר טרעפען א אייניקעל פון אלטען קאלאניסט וואס שלאפט זיך רוהיג אין וויגעל ביז די מוטער וועט קומען פון גארטען און דער פאטער פון פעלד; דארטען וועט איהר געפינען אויף די ווענד אלטע פערגעלטע פאטאגראפיעס, אומגעלומפערטע פיגורען וואס זענען געשטאנען פאר'ן פאטאגראפישען אפאראט צוריק מיט 50—40 יאהר, א זוהן וואס האט זיך יונגערהייט ענטטוישט אין פאטער'ס גליקען און איז אויסגעוואנדערט אויף אייגענער ריזיקע מעבר לים, א חנ'עוודיגע טאכטער וואס איז צוריק מיט יאהרען נצפעלען געווארען א רייכען אמעריקאנער. דאס איז די רעאקציע נאכ'ן שווערען דערנער-וועג פון די עלטערן, ווען אנשטאט „מילך און האניג" האבען זיך ארויסגעוויזען אומבעשרייבליכע ליידען און שרעקליכע נויט.

טאקי אויף דער דאזיגער טעמע האט זיך געפיהרט דער געשפרעך צווישען מיר און דעם גרייז-גרויען קאלאניסט פון יסוד-המעלה. די צוויי שורות הייזלעך פון דער אלטער קאלאניע האבען זיך שפילעוודיג גע־טינקט אין זון און אין גרינס, עס איז געווען דארפיש שטיל און פריש, הגם די היץ פונ'ם זומערדיגען מארגען האט זיך שוין געלאזט פיהלען. דער אלטער קאלאניסט, וואס ארבייט שוין מעהר נישט אין פעלד, נאר אין הויף, איז קענטיג געווען שטארק צופרידען מיט מיר — מיט דעם אומגעריכטען גאסט וואס האט זיך נאכגעפרעגט אויף געשעהעניש פון ווייט פערלאפענע טעג. זיין ארבייט, ער ארבייט! נאר כדי נישט צו זיין א פאראזיט אין דער ווירטשאפט, אנ'אומזיסטיג מויל, איז אט די ארבייט האט ער שוין פערצענדיגט און ער איז באמת איצט צופרידען מיט אזא אורח, פאר וועלכען מען קען זיך אביסעל אויסרעדען און דערצעהלען וועגען דעם וואס עס איז געווען. דער גליל העליון איז אזא פערווארפען ווינקעל, א בעזונדער וועלטעל פאר זיך. ווער קומט אהער? ווער אינטערעסירט זיך? ערשט איצט, נאך קנאפע זעכציג יאהר, האט מען אנגעהויבען רעדען וועגען גליל העליון, ווייל דער קרן קימת האט איהם איינגעשלאסען אין זיין נאהענטסטען פלאן. האפען זיי טאקי אין יסוד-המעלה, אז איצט וועלען זיי ארויס פון זייער איינזאמקייט, אז דע' גליל וועט אויך אייננעצויגען ווערען אין דעם פראצעס פונ'ם יודישען אויפבוי ווי די אנדערע געגענדען פון לאנד.

דער אלטער נעמט מיך אן ביי דער האנד און פיהרט מיך צו א באנק ביים פארקען. מיר זיצען געמיטליך אין שאטען און דערצעהלט וועגען די ערשטע יאהרען. דער עיקר בעמיהט ער זיך מיר צו ענטפערען אויף מיינע פראגען און בעמערקונגען בנוגע דער יוגענד פון דער קאלאניע-פאר וואס איז זיך די יוגענד צולאפען פון יסוד-המעלה און פון די אנדערע קאלאניעס אין גליל העליון? פארוואס האט זיך דער גרויסער אידעאליזם און די זעלטענע זעלבסטאפפערונג פון די ערשטע קאלאניסטען נישט איבערגעגעבען זייערע קינדער—דעם יונגען דור? נישט ווייל זיי האבען ליעב געהאט ארץ ישראל חלילה ווייניגער ווי מיר, ערקלערט דער אלטער קאלאניסט פון יסוד המעלה, נאר ווייל ביי זיי איז שוין נישט געווען דער פיאנערטום-רייץ פון דער ערשטער צייט, ווען דער שאפונגס-פלאן איז נאך נישט פערדונקעלט פון דורכפאלען און די צוקונפט זעהט זיך אין ראזע פארבען. דער צווייטער דור מוז זעהן פאר זיך די רעזולטאטען פונ'ם ערשטען דור, די רעזולטאטען וואס לעגען דורך דעם וועג צו דער צוקונפט. און דאס איז נישט געווען, אנשטאט דעם האבען זיי געזעהן דעם בארא'נס קצבה און דחקות. און נאך מעהר: אפילו שוין נאכ'ן קריג, ווען אין לאנד האט געברויזט און געקאכט פון ארבייט און שאפונג, איז ביי אונז אין גליל העליון געבליבען אזוי טויט ווי געווען, ווי מיר זאלען זיך געפינען אויף יענער זייט גרעניץ. ערשט איצט ווערט געמאכט א התחלה אין דעם טעמפא, צו וועלכען ארץ ישראל איז געוואוינט, ווי זשע האבען אונזערע קינדער געקענט אזוי לאנג ווארטען? זיי זענען שוין איצט גאר נישט אזוי יונג...

איצט ווען חלוצים ליידען. זעהען זיי מיט אייגענע אויגען ווי די בעלוינונג קומט, זייערע קינדער האבען דאס נישט געזעהן. און געליטען האבען זיי אביסעל מעהר ווי מען ליידט איצט, אך, ווי זיי האבען געליטען, שאקעלט דער אלטער מיט'ן קאפ, און עס פארשפיזען זיך די אלטע תמימות'דיגע אויגען און עס שטרענגט זיך אן דאס געקנייטשטע געזיכט פון פיעל טרויעריגע זכרונות. ער דערצעהלט מיר ווי אזוי זיי זענען געקומען אהער פון פוילען, פון מעזריטש, צוריק מיט 55 יאהר. געקויפט דעם באדען ביי מי-מרום, געקומען מיט גראשענס און געטרוימט וועגען דעם ווי דאס דאזיגע שעהנע ווינקעל וועט אין גיכען פערוואנדעלט ווערען אין א גן-עדן. זיי האבען נישט ערווארט אז דאס וואסער פון מי-מרום וועט זיין פאר זיי נישט קיין ברכה, נאר א קללה—זיי האבען אנגעהויבען צו ליידען פון מאלאריע אין דער שרעקליכסטער פארם. און דא האבען זיי זיך געוואלגערט צוזאמען מיט די בהמות אין דער איין און איינציגער חורבה וואס איז געווען און זענען אויפגעפרעסען געווארען פון פאראזיטען. קיין הייזער האט די טערקישע מאכט נישט ערלויבט זיי צו בויען.

זיי האבען אזוי געליטען ביי א פאר יאהר און עס איז זיי ממש נמאס געווארען דאס לעבען... נאר אמאל איז איינער פון די קאלאניסטען געגאנגען בעזוכען די בעדואינער וואס האבען געוואוינט אויף דער צפון-זייט פון מי-מרום. ער האט זיך צוגעקוקט ווי זיי וואוינען אין צעלטען, געפלאכטענע פון וואסער שטעקלעך און האט ביי זיי אויסגעפרעגט וואו מען נעמט די שטעקלעך און ווי אזוי מען פלעכט זיי. זיי האבען איהם אויסגעלערנט די מלאכה און געשיקט מיט איהם איינעם פון זיי צו ווייזען וואו די שטעקלעך וואקסען. ער איז אוועק אהיים, דערצעהלט אונז דעם ענין צעלטען און מיר האבען בעשלאסען, אז מען מוז נאכטהון די בעדואינער און אויפשטעלען אזעלכע צעלטען. מיר האבען מיטגענומען יענעם בעדואינער מיט זיך און אוועק צום חולה זומפ, אבגעשניטען הויפענס שטעקלעך, זיי געבינדען אין בינטלעך און זיי געפיהרט איבער'ן וואסער און אזוי זיי געבראכט ביז צו דער קאלאניע.

אבער נאכהער זענען זיי געבליבען שטעהן אין דער מיט: וואו נעמט מען באלקענס אויף דעכער, ווען זיי האבען קיין געלד נישט? אין עבר הירדן זענען פערהאן, זאגט מען אזעלכע וועלדער, אבער דער וועג איז געפעהרליך. דארטען וואנדערן די בעדואינער וואס לעבען בלויז פון רויבעריי. עס איז אבער קיין אנדערע עצה נישטא און זיי זענען אוועק קיין עבר הירדן. געפונען א וואלד און אנגעהאקט באלקענס וויפיל זיי האבען בעדארפט, דארפטען זיי די באלקענס פיהרען דורך דער בריק איבער'ן ירדן; דער ארענדאטאר פון דער בריק איז אנ'אראבישער עפענדי און ער פאדערט אנ'אבצאהל פאר די באלקענס און זיי האבען איהם נישט וואס צו געבען. ער האט זיי פערהאלטען אויף א גאנצען טאג און ווען ער האט זיך איבערציינגט אז זיי האבען טאקי באמת נישט צו בעצאהלען איז ער געפאלען אויף א שכל: זאלען די ארימע יודען וואס האבען קיין פרוטה נישט ביי דער נשמה איהם אבצאהלען מיט ארבייט, ער האט א גארטען ביים ירדן... און זיי האבען דעם צווייטען טאג געמוזט ארבייטען ביז אין דער נאכט ביים עפענדי אין גארטען...

האבען זיי אויפגעשטעלט די ערשטע געפלאכטענע צעלטען. האבען זיי אבער נישט געטויגט, האט מען די געלאזט פאר די בהמות און פאר זיך געפלאכטען אנדערע. קיין ברויט האבען זיי נישט געהאט, פלעגען זיי באקען ברייטלעך פון מיאוס-מעהל. קיין אויוועז אויף צו באקען האבען זיי אויך נישט געהאט, נאר פשוט צולענט א פייער. האט אמאל אין מיטען באקען אויפגעריסען א ווינד און אלע צעלטען זענען אין איין מינוט אוועק מיט'ן פייער. זיי זענען געבליבען נאקעט און הויל און מען האט ווידער געמוזט אנהויבען פון אנהויב...

דאס איז בלויז איין עפיזאד פון זייער שווערען אנפאנג, פון זייערע אונמענשליכע ליידען. און דאך זענען זיי נישט אוועק און מיט ליבע בעארבייט דעם באדען, א יאהר נאך א יאהר. נאר דער גרויסער גלויבען האט זיי געגעבען אזא כוח. דער גלויבען אז זייער ארבייט און שאפונג וועלען נישט געהן לאבוד. אז זייער מיה וועט אויך בעלוינט ווערען און פריהער אדער שפעטער וועט קומען דער המשך. איצט, זעהט אויס, האבען זיי דאס סוף-סוף דערלעבט. עס דערנעהנטערט זיך די אויפריכטונג פונ'ם גאנצען גליל העליון.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

קאמענדאנט שמעריל בן טרייטעל...

ס'איז נישט אמת, אז מיר יודען ווערען עלימינירט פון אלע צווייגען פון עפענטליכען לעבען. זעלכע רכילות'ן קאנען נאר אויסטראכטען מענשען, וועלכע האבען נישט קיין גאט און הארצען, ווארום אט וועל איך אייך דערצעהלען א פאקט, וואס וועט בעווייזען, אז מיר יודען האבען פולשטענדיגע „פראוועס", אזוי ווי אלע איבריגע בירגער אין לאנד.

איך בין געווען אויף א פערזאמלונג אין פייערלעשער-זאל, וואו מען האט געטיילט דיפלאמען די אזוי-גערופענע קאמענדאנטען, וועלכע דארפען בעת א גאז-אנפאל פון שונא שטעהן אויף דער וואך, אבצוהיטען דאס לעבען פון דער בעפעלקערונג, ווי אויך איינלעשען די שריפה, וואס אזא גאז-באמבע וועט פערורזאכען.

האב איך דארט צווישען די קאמענדאנטען געזעהען פערהעלטניסמעסיג א גרויסע צאהל יודען, וואס פראפארציאנעל צו דער אלגעמיינער בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט האבען זיי פערנומען א אנגעזעהן ארט. און כאטש די אלע זענען געווען שילער, זענען די יודען נישט געזעסען אויף דער לינקער זייט פון זאל און די אריער אויף דער רעכטער זייט, נאר אלע זענען געזעסען אויסגעמישט —א יוד, א קריסט, און ס'האט געטראפען אויך פאלען, וואס נעבען א יוד מיט א נישט.קשה'דיגער בארד איז געזעסען א גלח אדגל.

דאס זעלבע איז געווען בעת מאן האט צוטיילט די דיפלאמען. אט רופט מען אויס: ווינצענטי נאוואקאווסקי, און באלד רופט מען שמואל חיים מאשקאוויטש און אזוי כסדר. יעדער איינציגער, וועלכען מען רופט אויס, בעקומט דעם דיפלאם און מען דריקט איהם די האנד און מען זאגט איהם אן, אז ער זאל טריי ערפולען זיין נאציאנאלע פליכט בעת דאס לאנד וועט זיין אין א סכנה.

צוקוקענדיג זיך צו דער דאזיגער סצענע, ווי אזוי יודען און דוקא פראסטע, פשוט'ע יודען, ווערען נאמינירט אלס קאמענדאנטען און מען בעהאנדעלט זיי ווי אמת'ע ערשטקלאסיגע בירגער, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז נישט קוקענדיג דערויף, וואס אין גאס לויפען ארום פערשידענע יונגאטשעס און שרייען, אז מען זאל יודען ארויסווארפען פון פוילען אווו., הערט מען זיי דאך, ווי דעם קאטער. מיר ווערען און זענען מיט אלע בירגער פון פוילען צוגלייך בנוגע פליכטען און מסתמא אויך בנוגע רעכט. ווי דען אנדערש, דער בעסטער בעוויז איז דאך, או צווישען די ניי-נאמינירטע קאמענדאנטען זענען פערהאן א סך יודען.

אי, דאס, וואס אויף אנדערע געביטען, ווי, למשל, ביים האנדעל אדער ביים אנגענומען ווערען אלס בעאמטע אד"גל איז נישט אזוי עפעס גלאטיג—דאס זענען אלץ נארישקייטען. דערפאר אבער אין דעם וויכטיגען און אין וויכטיגסטען ענין, וואס איז די לאנדפערטיידיגונג, זענען מיר מיט אלעמען גלייך; דא איז צווישען די אריער, אויך פערהאן דער קאמענדאנט שמעריל בן טרייטעל...

צי וועט עס טאקי נישט העלפען?...

עס פיהרט זיך ביי אונז, אז בעת א לויה נעהען די מלוים נישט נאכ'ן ארון, נאר קריכען אויף די טראטוארען אדער זיי לויפען א שטיק פאר'ן ארון. ווען מען מאכט דערויף אויפמערקזאם, אז דאס איז נישט אנשטענדיג, אז דאס איז איבערהויפט נישט עטיש און זאגאר נישט מענשליך, זענען עס יודען מבטל, זיי האלטען, אז געהן נאך א לויה איז נישט קיין ענין, אויף וועלכען עס לוינט זיך ערשט אבצושטעלען, ווייל אויב דאס לעבען איז נישט ווערט קיין שמעקטאבאק, מכל-שכן נאכ'ן טויט.

אנדערע האלטען ווידער, אז טאמער געהט מען נאך א לויה נאכ'ן ארון אין א רייהע, איז עס נישט-יודישליך, עס איז דאך א חוקת-הגוי.

איך וויל נישט מחולק זיין מיט די דאזיגע מיינונגען, נאר איך וויל אויפמערקזאם מאכען, או אין די איצטיגע בעדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבען מוזען די מלוים געהן אזוי ווי מען דארף, טריט ביי טריט נאכ'ן ארון, וואס ס'רופט ארויס א געוויסען דרך ארץ. ווען מען געהט אדער צושפרייט איבער דער גאנצער גאס אדער מען געהט אויך אויף די טראטוארען מעהר, ווי נאכ'ן ארון-טרעפט, אז בעת עס פאהרט אדורך א פוהר אדער אנ'אויטא, ווערט א געשריי, א געפילדער. דער שאפער שרייט, אז מען זאל מאכען פריי דעם וועג, די מלוים הייסען איהם אבשטעלען און במילא קומט ארויס א בזיון המת.

א סך לעזער וועלען אויס'בטל'ען זייערע חלומות צו מיין קאפ פאר אזא אנווייזונג. דאס שרעקט מיך אבער נישט און איך האלט זיך צוליב מיינע אבסערוואציעס ביי ס'מייניגע, אז ס'איז שוין די העכסטע צייט, דאס אויך יודען זאלען בכלל, אבהיטען ארדנונג און בעת א לויה למשל, זאלען זיי, זיך נוהג זיין, ווי די עטיק פאדערט דאס.

אט אזוי פערשטעה איך...

ווען איך האב געכאפט א שמועס מיט א פערוואלטונגס-מיטגליד פון „אחיעזר", פארוואס זיי ווילען עפעס קויפען אנ'אייגענעם ארון, צו קאנען זיי גישט יוצא זיין מיט'ן קהלה-ארון, האט ער מיר געענטפערט אזוי צו זאגען:

אין די היינטיגע צייטען, ווען הפקרות האט גענומען די אויבערהאנד, שאנעוועט מען נישט אפילו קיין טויטע, אויב דער איז נאר א יוד, טרעפט זעהר אפט, אז בעת די עגלה פאהרט מיט'ן בר-מינן ארויס אויפ'ן בית עולם, ווערט ער בעווארפען דורך לאבוזעס מיט שטיינער, דאס קענען אמבעסטען בעווייזען די קהלה-ארונות, וועלכע זענען אדורכגעלעכערט פון די שטיינער און דאס איז דערפאר, ווייל דער ארון ווערט געפיהרט דורך פערד. מיר „אחיעזר" אבער ווילען קויפען אנ'אויטאזירטע עגלה, אזוי אז מען זאל נישט קאנען ווארפען קיין שטיינער. עס וועט זיין שעהן און פראקטיש. ערשטענס, וועט עס בעווייזען, אז מיר, מענשען פון דער מאדערנער צייט, בעת די טעכניק מאכט פארטשריטען, זענען נישט געבליבען אויף א „טויטען" פונקט, אזוי ווי עס איז געווען מיט הונדערט יאהר צוריק. צווייטענס, וועלען מיר טאקי אויסמיידען דאס ווארפען שטיינער אין אנ'אויטא, ווייל טאמער וויל מען יא ווארפען שטיינער, איז עס דאך עפעס א מאשין, וועט זי שנעל אנטלויפען.

איך האב געמוזט מסכים זיין, אז די „אחיעזר"-פערוואלטונג האט רעכט און האב ביי זיך געטראכט, אז אויב אזוי פערשטעה איך שוין...

עס איז א רחמנות אויף זיי...

עס איז א רחמנות אויף די יודישע הויז-ווירטען.

זאל מען מיך נישט חושד זיין אין א ספעציעלער סימפאטיע צו די יודישע הויז אייגענטימער. ווייל קיין צו גרויסע צדיקים, זענען זיי טאקי נישט, פונדעסטוועגען א חורבן איז זיי דאך געשעהן, כ'מיין דעם אויסגאנג פון די וואהלען אין דער שטאדטישער קרעדיט געזעלשאפט, וואו ס'איז נישט אריין אין דער לייטונג קיין איין יוד.

עס איז מיר אבער נישט אזוי ווייט א רחמנות אויף די בעלי-בתים, ווי אויף מיר גופא, און אט דערפאר:

ביז איצט, אז א הויז-ווירט האט בעעוולה'ט א לאקאטאר, האט מען דעם הויזווירט גענומען אויפ'ן צימבעל, מען האט איהם גע'מוסר'ט און אין אנ'אנדערן פאל געשטעלט צום שאנד-סלופ פאר זיינע אכזריות'דיגע מעשים. היינט אבער, אז ס'וועט ארויסקומען א סכסוך צווישען א לאקאטאר מיט'ן הויז-ווירט, וועט דער לעצטער שטענדיג האבען א תירוץ, אז אויב ער וועט נישט האנדלען נעגען זיינע לאקאטארען מיט'ן גאנצען חומר-הדין, דראהט איהם דאס הויז צו פערלירען. ווייל זוכען יושר ביי די היינטיגע אויסגעשפראכענע-אנטיסעמיטישע פערוואלטונג פון דער קרעדיט געזעלשאפט, איז דאך נישט שייך, דעריבער מוז ער, האט ער נישט קיין ברירה א. ז. וו. אויב אזוי וועל איך דאך נישט האבען קיין נאמנות אזא בעל הבית צו שטראפען דערפאר, ווייל דער בעל-הבית וועט דאך שרייען געוואלד, אז ער איז גאר א ק־בן. און ווידער געהן חוקר ודורש זיין וועלכער בעל-הבית עס איז שולדיג אין דער קרעדיט-געזעלשאפט און וועלכער נישט, וועט אויך נישט זיין מעגליך. דעריבער איז טאקי דאס, וואס מען וועט נישט מצהר קאנען אריינצימבלען די יודישע הויזווירטען, זעהר פאסקודנע און איך האב אויף זיך גרויס רחמנות...

ער איז עולה לגדולה...

דאס מיין איך אונזער לעצטענס בעריהמט-געווארענעם אויבערקאנטאר ה' אייזיק יצחק בן דוב קארפיעל, וועלכער האט במעט איינגענומען די טשענסטאכאווער שוהלען און דעם לעצטען שבת פרשת אמור, אויך די אזוי-גערופענע מגיד'ס שוהל אויף קאטעדראלנא 10.

די לייטער פון דער דאזיגער שוהל האבען זיך לעצטענס געשטעלט פאר א ציעל צו האבען געוויסע הכנסות און צו דעם צוועק לאדענען זיי איין שטאדט-בעלי-בתים צום דאווענען א שבת, וועלכע זאלען עולה לתורה זיין און גלייכצייטיג מנדר זיין פאר דער קאסע פון דער שוהל... אמאל האט מען דארט מנדר געווען פאר'ן „קרן-קימת", לעצטענס אבער איז דאס אבגעשאפט געווארען, נאר נישט דאס בין איך אויסען...

אלס א מיטעל צו פערגרעסערן זייערע הכנסות, האבען זיי אנגאזשירט אויף א שבת צום דאווענען אונזער בעריהמטען קארפיעל.

ה' קארפיעל האט טאקי אזוי אויסגענומען, אז די שוהל-לייטונג טראגט זיך ארום מיט'ן געדאנק איהם צו אנגאזשירען אלס שטענדיגען אויבערקאנטאר.

ווי איהר זעהט, איז אונזער ר' אייזיק ק. עולה לגדולה...

לויתן

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער טשענסטאָכאָווער קאָאָפּעראַטיווער באַנק

זונטאג, דעם 15 ד. ח. איז פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאמלונג פון דער טשענסטאכאווער קאָאָפּעראַטיווער באַנק.

די פערזאַמלונג עפענט אין נאָמען פון אויפזיכטס-ראַט לאַווניק פ. שפּירא, וועלכער בעגריסט דעם אַנוועזענדען אינספּעקטאָר פון רעוויזיאָנס פערבאַנד ה' שמויש. אַלס פאָרזיצער ווערט געוועהלט ה' פ. שפּירא, וועלכער פערבעט צום פּרעזידיום - טיש דעם ה' שמויש, אלס אַסעסאָרען די ה"ה ש. גראַנעק און ח. פרייערמויער און אַלס סעקרעטאַר ה' י. קראַק.

נאָכדעם ווי דער פּראָטאָקאָל ווערט אָדורכגעלעזען דורך ה' קראַק און בעשטעטיגט, גיט אָב דעם טעטיגקייטס-בעריכט דירעקטאָר זאַנד. פונ'ם בעריכט ווייזט זיך אַרויס, אַז די באַנק האט צוטיילט 1313 הלוואות, פון וועלכע עס האבען גענאָסען אַלע שיכטען פון דער היגער בעפעלקערונג. במשך פון יאהר זענען צוגעקומען נייע 21 מיטגלידער אויף דער אַלגעמיינער צאָהל פון 880.

דעם בעריכט פון דער פערוואַלטונג גיט אָב ה' ש. גאָלדשטיין. ער ווייזט אָן, אַז די באַנק נעמט אָן וואס אמאָל מעהר דעם כאַראַקטער פון א פאָלקס-באַנק, ווייל מיט איהרע געלדער העלפען זיך די יודישע אינדוסטריעלער ביז צום קלענסטען סטראַגאַניאַזש. א וויכטיגע זאַך איז אויך געווען דאס אַדורכפיהרען די הילפס - אַקציע פאַר די גפליטענע פון די טרויעריגע יוני-געשעהענישען. צוזאַמען מיט דער סוחרים און פאַבריקאַנטען-באַנק און דער מיטהילף פון „דזשאָינט" איז אויסגעבאָרגט געוואָרען דער היגער בעפעלקערונג א סומע און 64 טויזענד זל.

אינזש. ב. העלמאַן גיט אָב דעם בעריכט אין נאמען פון אויפזיכטס-ראַט און גיט צו, אַז ד"ר ה. גייסלער האט זיך אַנגעגעבען אין דימיסיע, אבער טראָץ דעם, וואס די דימיסיע איז נישט געוואָרען אָנגענומען, איז ד"ר גייסלער שוין מעהר אויף קיין זיצונגען נישט געקומען.

נאָך דער דיסקוסיע איבער די בעריכטען, אין וועלכער עס נעמען אָנטייל די ה"ה: האראָוויטש, זאַלצבערג, רוזשעוויטש און געלבער, בעקומט דאס וואָרט צו זיין רעפעראַט אינספּעקטאָר שמויש, וועלכער בעגריסט אַלע פערזאַמעלטע אין נאָמען פון רעוויזיאָנס-פערבאַנד. דער רעדנער ווייזט אָן, אַז אין משך פון דער עקזיסטענץ פון דער טשענסטאכאווער קאָאָפּעראַטיווער באַנק זענען שוין פיעל בענק, וועלכע האבען געבליהט און געהאַט פּערספּעקטיווען זיך צו ענטוויקלען צוליעב די קליינליכע אַמביציעס פון פערזאָנען, רואינירט געוואָרען און היינט האבען מיר אין פיעל שטעדט מצבות נאָך זיי. ה' שמויש גיט אַרויס די בעסטע מיינונג וועגען דער טשענסטאָכאָווער קאָאָפּעראַטיווער באַנק. ביים היינטיגען טאָג—זאָגט ווייטער ה' שמויש—געפינען זיך אין די קאָאָפּעראַטיווע בענק ביז 2 מיליאָן זלאָטעס, וועלכע זענען אין א געוויסער מאָס דער יסוד און קיום פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פּוילען, אָבער ליידער, צום בעדויערען, האבען יודען נישט קיין צוטרוי צו זייערע אייגענע אינסטיטוציעס, דאס אָבגעשפּאָרטע געלד טראָגט מען אומעטום, נאָר נישט אין די יודישע קאָאָפּעראַטיווע בענק. מען זאָגט, אז ביי יודען הערשט אחדות, אז יודען זענען קאָאָפּעראַטען, אָבער עס איז א ליגען—שרייט אויס דער רעדנער—אַזעלכע אינדיווידואַליסטען, ווי יודען זענען, איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט. אונזערע שכנים דאָ, אין פּוילען, די אוקראַאינער בויען דורך קאָאָפּעראַציע געוואַלדיגע קאָנסומען, פאַבריקען, הייזער און דערמיט פערטיידיגען זיי זיך און שטויסען אָב די אַטאַקעס; זייער ווירטשאַפטליכע לאַגע איז דעריבער א פיעל בעסערע ווי די יודישע. הגם די באַנק לייטונג אַרבייט גוט, האט זי אבער דאָך נישט אויפגעטהון פאַר די יודישע מאַסען אין טשענסטאכאוו דאס, וואס זי ברויך צו טהון, ווייל אין אַזאַ שטאָדט ווי טשענסטאכאוו האט ביים היינטיגען טאָג געדאַרפט זיין א ריזען-באַנק מיט אַן'אייגענעם דריי-שטאָקיגען בנין און מינימום 2500 מיטגלידער. די באַנק-פערוואַלטונג האט ווייזט אויס געהאַט קליינע אַספּיראַציעס. ה' שמויש ענדיגט זיין. רעדע מיט א ווענדונג צו דער יודישער בעפעלקערונג מאַסענווייז זיך צו בעטייליגען אין דער אַרבייט פון דער באַנק, בכדי אויפצובויען א גרויסע יודישע פינאַנץ-אינסטיטוציע. דער רעדנער ווערט בעשאָנקען מיט רוישיגע אַפּלאָדיסמענטען פאַר'ן זאַכליכען רעפעראַט.

איינשטימיג ווערט דאַן ערטיילט אַבסאָלוטאָריום דעם ראַט און פערוואַלטונג.

אויפ'ן פאָרשלאַג פון ה' פּרעזעראַוויטש ווערט איינשטימיג בעשלאָסען איינצושרייבען די פערוואַלטונג און ראַט אין ספר-הזהב פון „קרן-קימת".

איבער'ן צוטיילען דעם ריוח קומט פאָר א דיסקוסיע, אין וועלכער עס בעטייליגען זיך די ה"ה: ק. מ. קעלצי-גלאָווסקי, שטרויסבערג און ניימאַן אין נאָמען פון ראַט. דער לעצטער לייגט פאָר צו אַסיגנירען פאַר'ן יודישען שפּיטאָל 664.12 זל. און 20.000 זל. פאר'ן רעזערוו-קאַפּיטאַל. דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען.

עס רעפערירט דאַן דעם בודזשעט אויפ'ן יאהר 1938 פּרעזעס י. אימיך, וועלכער לייגט פאָר צו פערגרעסערען דעם בודזשעט מיט 2.000 זלאָטעס. אויף גרעסערע הוצאות, וועלכע די באַנק וועט האבען ווי אויך צוליעב דעם, וואס עס וועלען געהעכערט ווערען די פענסיעס פון די אַנגעשטעלטע, וועלכע אַרבייטען ממש פאַר הונגער לוינען. דער בודזשעט פון 52 טויזענד זלאָטעס מיט'ן רעכט צו איבערשרייטען 10 פּראָצענט ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

די מאַקסימאַלע גרויס פון קרעדיט פאר א מיטגליד ווערט בעשלאָסען ביז 10 טויזענד זלאָטעס.

עס ווערט דאַן בעשלאָסען צו בעשטימען א גרעניץ פון קרעדיט פאר מיטגלידער פון 30 פּראָצענט פּראָפּאָרציאָנעל צום אַריינגעטראָגענעם פאַי. צום סוף ווערט בעשלאָסען, אַז די באַנק קאָן אויף זיך נעהמען די העכסטע פערפליכטונגען ביז א מיליאָן זל.

די וואהלען גיבען פאָלגענדען רעזולטאט: פער-אַקלאַמאַציע ווערט צוריק געוועהלט אין דער פערוואַלטונג ה' ש. גאָלדשטיין, אַלס פערטרעטער ה' י. לעווקאָוויטש. אין ראַט — ה"ה שפּירא, ח. טאפאר און ש. גראַנעק. פערטרעטער ה' וו. איצעק.

ע. י.

פון „טאָז"

זונטאג, דעם 29 טען ד. ח. 3 א זייגער נאכמיטאג אָרדענט איין דער „טאָז" אין פייערלעשער-זאַל א גרויסען קינדער-יום-טוב מיט א אינהאלטרייכען סצענישען און פערוויילונגס-פּראָגראַם.

עס אינטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז די דאָזיגע אימפּרעזע וואס האט אַרויסגערופען א גרויסע פּעראינטערעסירונג, וועט האבען דעם פערדינטען ערפאָלג. דער „טאָז" האט, נישט קוקענדיג אויף די גרויסע אויסגאָבען, מיט וועלכע די אימפּרעזע איז פערבונדען, בעשטימט זעהר פּאָפּולערע פּרייזען הן פאר דערוואקסענע, הן פאר קינדער, כדי צו ערמעגליכען אלעמען אַנטייל צו נעמען אין דער שמחה.

ווי מיר ווערען געוואויר קלויבען זיך אויף דעם יום-טוב קינדער פון דער אומגעגענד, פון זאַוויערטשע און פּיעטרקאָוו.

אין דער שטאָדט - שוהל אַ שטענדיגער כאָר

ווי מיר דערוויסען זיך וועט פון קומענדען שבת אָן זיין טעטיג אין דער שטאָדט-שוהל א שטענדיגער כאָר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה' ראָטענבערג.

אַנ'עלטערן - פערזאַמלונג

שבת, דעם 21-טען ד.ח. 8 א זייגער אווענד קומט פאר אין לאקאל פון האַנדווערקער - פערבאַנד א פערזאמלונג פון די עלטערן, וועמענס קינדער ס'זענען בעשעפטיגט אין דער לעהר.

אויף דער פערזאמלונג וועט ברייט אויפגעקלערט ווערען די בעדייטונג פון דער מלאכה פאר'ן יונגען יודישען דור און ווי אזוי מען דאַרף זיך איבערהויפּט בעציהען צום דאזיגען זעהר וויכטיגען ענין.

אלע עלטערן, וועמענס קינדער ס'זענען שוין בעשעפטיגט אין דער מלאכה און אזעלכע, וועלכע האבען בדעה צו געבען זייערע קינדער צו א מלאכה, מוזען אומפּעדינגט זיין אנוועזענד אויף דער דאזיגער פערזאַמלונג.

דורך אויסדויער געווינט מען

יעדער וויכטיגער בעשלוס אין לעבען פאָדערט א ישוב-הדעת; און עס איז קיין ספק נישט, אַז צו דעם סוג בעשלוסען געהערט אויך, ווי אזוי צו פערזאָרגען זיך אויף דער עלטער אדער זיכערן די קינדער זייער צוקונפט. נישט איין אַרבייטס-מענש האט צו ענטפערן אויף דער פראַגע, ווי זאל ער צום בעסטען פערזיכערן זיך די אָבגעשפּאָרטע פאַר גראָשען.

ווי וועגען א כלל, וואס איז בעוויזען געוואָרען דורך ערפאהרונגען, מוז מען דערביי געדענקען, אז א תנאי-קודם פאר אמת'ן ערפאָלג איז אין דעם פּרט סיסטעמאַטישקייט און אויסדויער אין שפּאָרען און דאס נישט לאָזען זיך בעהערשען פון נערוועזיטעט אדער גלאָט אויסגעטראכטע פּחדים. יעדעס אייליגע אַרויסציהען פון דעפּאָנירטע אָבשפּאָרונגען ברענגט שאָדען בלויז דעם אָבשפּארער און איז מסוגל אויסצושטעלען איהם אויפ'ן פערלוסט פון די נוצען, וואס דאַרפען זיין די פּרוכט פון לאַנגיעהריגע שווערע אַנשטרענגונגען.

עס איז זיכער אַנ'אונבעצווייפעלטער פאקט, אז פ. ק. אָ. איז דאס זיכערסטע זאַמעל-פלאַץ אבשפּארונגען, וואס עס בעווייזט דער געזונדער אינסטינקט פון די ברייטסטע אָבשפּאר-מאסען, וואס שענקען דער פ. ק. אָ. זייער צוטרוי. די אונערשיטערליכע זיכערקייט פון די אָבשפּארונגען שטיצט זיך אויף דער צוזאַמענאַרבייט פון ביידע צדדים — דער אויסדויערפולער סיסטעמאַטישקייט פון די אבשפּארער און דער זאָרגזאַמער וואַכזאַמקייט פון פ. ק. אָ. איבער די איהר אַנגעטרויטע וועקלאַדען; און דער בערערעוודיגסטער בעוויז פון דער דאזיגער אונערשיטערליכער זיכערקייט איז — דער כסדר'דיגער וואוקס פון דער צאהל פ.ק.אָ.-אבשפּאר-ביכלעך און פון דער דעפּאָזיטען סומע.

קלייניגקייטן

די יודישע מאַמע...

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם „טאָג פאַר דער מוטער", האט די שולע פון פּרל. ווײַנשטאָק איינגעאָרדענט א פייערליכע אַקאדעמיע געווידמעט דער מוטער.

די דאָזיגע אַקאדעמיע איז איינגעאָרדענט געוואָרען, אַזוי ווי עס איז די טבע פון דער דאָזיגער שולע—פּייערליך, נישט אין קיין פערמאַכטע לאָקאלען, נאָר אויפ'ן שויס פון דער נאַטור, אין דעם שול-גאָרטען, וואו א ליכטיגע זון האט געוואָרימט און געשמייכעלט צו די יודישע מאַמעס, וועלכע זענען געקומען קלויבען נחת פון זייערע קינדערלעך.

און נחת האבען די יודישע מאַמעס געהאַט א סך, ווייל די קליינע קינדערלעך, פון וועלכע א סך קאָנען נאָך נישט דייטליך ריידען, האבען זעהר שעהן דעקלאַמירט, געזינגען און דערצעהלט מעשה'לעך וועגען גרויסע העלדען, גייסטיגע רייכע מענער, וועלכע האבען צו פערדאַנקען זייערע גרויסע מעשים די מוטערס און אויך וועגען אַזעלכע פּאַטען, וועלכע האבען געווידמעט זייערע שענסטע פּאָעזיעס די מוטערס.

די קינדער פון ווײַנשטאָק'ס שולע זענען בעזונדער פעהיג, און אויב זיי טראַגען עפּעס פאָר, איז עס מיט געשמאָק און פול מיט חן; דאָך האט אלץ אָבגעקלינגען קאַלט, עס האט נישט גערירט, עס האט נישט דערגרייכט עד דכרוכה של נפש.

כ'האָב זיך אפילו געוואונדערט, וואס דאס מאל האבען די אַלע דעקלאַמאַציעס נישט געמאַכט אויף מיר קיין איינדרוק און איך האָב זיך פערטרויט פאַר מיינס א פריינד, וועלכער האט זיך דאָרט צופעליג געפונען, און אַט וואס ער האט מיר ערקלערט:

ווי בעוואוסט, איז א יודישע מאַמע אַנדערש ווי אַלע מאַמעס אין דער גאַנצער וועלט; אויב יעדע מאַמע איז א מוטער, איז א יודישע מאַמע—די אמת'ע מאַמע, וועלכע וועט גערן אַוועקגעבען איהר בלוט פאַר איהר קינדס מינדעסטע נעגעלע. דעריבער, קומען און פייערען א יום טוב, וואס איז געווידמעט דער יודישער מאַמע—מיט ציטאַטען פון פרעמדע קולטורען, דעקלאַמירען נישט אויף אונזער שפּראַך, אויף וועלכע די יודישע מאַמע האט איהר קינד איינגעוויגט—דאס מוז ווירקען קאַלט און פרעמד.

וואָרט נאָך א מינוט—גיט צו מיין פריינד און זאגט: בעת די אָרדאָנקע, די גרויסע פּוילישע אַרטיסטין, האט געוואָלט זינגען דאס ליעד „א יודישע מאַמע", האט זי עס געזינגען אויף פּראָסט יודיש: „א יודישע מאַמע איז דאָך די טייערסטע אויף דער וועלט, א יודישע מאַמע בעקומט מען דאָך נישט פאַר געלד", ווייל אויב מען וויל איבערגעבען וועגען דער גרויסער צאַרטער ליבע פון א יודישער מאַמע צו איהר קינד און עס זאָל האבען די געהעריגע ווירקונג, מוז עס נאָר אויסגעדריקט ווערען אין יודיש אין עכטען מ אַ מ ע-לשון. היות אָבער, ווי אין די שולען פון דעם דאָזיגען טיפּ איז יודיש נישט מעהר, ווי א העסליכער „זשאַרגאָן", קאָנען אַזעלכע פייערונגען נישט מאכען דעם געהעריגען איינדרוק, ווען אפילו זיי זענען געווידמעט אַזאַ האַרציגען, אַזאַ נשמה'דיגען ענין. ווי עס איז א יודישע מאַמע...

דאס יודישע קינד...

מען קאָן דאָך נישט לאָזען דאס יודישע קינד אויף הפקר, איבערהויפּט דאס יודישע קינד פון די פּאָווזשעכנע שולען, וועלכע רעקרוטירען זיך פון „עמך"-קינדער, האבען א גרופּע עלטערן בעשלאָסען צו גרינדען א געזעלשאַפט א. נ. „פריינד פון יודישען קינד", געזאַמעלט דעקלאַראַציעס ביי א צוויי הונדערט מענשען, געמאכט הכנסה אימפּרעזעס און ענדליך דעם פערגאַנגענעם זונטאג איז פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע פערזאַמלונג.

צו דער דאָזיגער פערזאַמלונג זענען געקומען סך הכול עטליכע צוואַנציג פערזאָן, צווישען וועלכע עס זענען מעהר ווי א העלפט געווען לעהרער מיט די צוויי קריסטליכע קיעראָווניקעס בראש.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס דעמזעלבען זונטאג זענען פאָרגעקומען נאָך עטליכע פערזאַמלונגען, האָב איך דאָך בעשלאָסען דווקא צו בעזוכען די אויבענדערמאַנטע פערזאַמלונג, וועלכע האט א שייכות מיט'ן יודישען קינד. נאָר זאָל מיר ערלויבט זיין צו זאגען, אז וואס-וואס, נאָר קיין פערזאמלונג אין זין פון פאַרלאַמענטאַרישע כללים איז עס בשום אופן נישט געווען; גיכער איז עס געווען איין גרויסער כאָאָס, אַנ'אַסיפה פון מלמדים, וועלכע האבען זיך געריסען צווישען זיך און דערביי זיך בענוצט מיט א גאַנצע רייהע רכילות'ן און פּליאָטקעס. דער עיקר, וואס די עטליכע צוואַנציג יודען האבען אויסגעקליבען אלס פאָרזיצענדער דווקא א קריסטליכען קעראָווניק, וועלכער האט נישט ערלויבט צו רעדען קיין יודיש, איז במילא דער עולם געבליבען שטום און געפילדערט האבען נאָר די לעהרער, איבערהויפּט פון נומער 12, וועלכע האבען געוואָלט עפּעס טהון להכעיס. און טאַמער האט זיך שוין יאָ איינער פון עולם אָבגערופען א וואָרט, און אַזוי ווי אין דער פּוילישער שפּראַך איז עס אַרויסגעקומען נישט אַזוי ווי דער רעדנער האט געמיינט, האט זיך דער קעראָווניק פון נומער 12 בעליידיגט און אַלס פּראָטעסט דעמאָנסטראַטיוו פערלאָזט די פערזאַמלונג.

עטליכע שעה בין איך אַזוי פערשוואַרצט געוואָרען אויף דער דאָזיגער כאָאָטישער פערזאַמלונג און מיין פּנים האט געפלאַמט פאַר בושה. גאָט מיין גאָט, האָב איך זיך געטראַכט, צי האבען יודען טאַקי פערלוירען יעדעס עהרען-געפיהל, יעדען מענשליכען שטאָלץ. פּע, איך האָב זיך געשעהמט, כ'האָב מיר קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, און נישט קוקענדיג דערויף, וואס איך בין געקומען אויף דער דאָזיגער פערזאַמלונג אַלס בעריכט-אָבגעבער, האָב איך מיך מאָמענטווייז נישט געקאָנט בעהערשען און אויסגע'בטל'ט מיינע חלומות צו די פערזאַמלטע, וועלכע זענען געזעסען ווי שטימע שאָף און זיך געלאָזט פיהרען אין שטאָל אַריין...

דער סוף איז געווען, אז די פערזאַמלונג איז געפיהרט געוואָרען אין אַזאַ פאָרם, וואס איך האָב נאָך אין מיין לעבען נישט בייגעוואוינט, און דער אויסגאַנג פון די וואַהלען צו דער פערוואַלטונג, וועלכע זענען אויך פאָרגעקומען נישט לויט'ן דעמאָקראַטישען סיסטעם, גיט נישט קיין גאַראַנטיע, אז די זאָרג פאַר'ן יודישען קינד וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

ניין, רבותי, איהר האט נישט פערדינט, אז מען זאָל אייך אָנטרויען די זאָרג פאַר'ן יודישען קינד.

דער משפּט און די עקזעקוציע.

אין לאָקאַל פון „בונד" איז שבת פאָרגעקומען אַ געזעלשאַפטליכער משפּט איבער אַ יוגענדליכען אַרבייטער, וואס געהער צו אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאס איז אַ משפּט אַנ'אַבסטראַקטער, אָהן קיין קאָנקרעטען בעשולדיגטען — עס איז גיכער אַזאַ פּאָליטישע טעמאַ. אלא, וואס דען, אויב מען שרייבט, אַז עס קומט פאַר אַ משפּט, האט עס מעהר צוציהונגס קראַפט. עס האט זיך טאַקי אַרויסגעוויזען, אַז דער משפּט האט גצהאַט ערפאָלג, ווייל צום משפּט זענען געקומען נישט בלויז בונדיסטען, נאָר אויך ציוניסטען.

דער משפּט הויבט זיך אָן ווי געוועהנליך. ס'רעדט דער „פּראָקוראָר" מיט פייער און שיט כל חמתו אויף די יוגענדליכע „פערברעכער", וועלכע האבען צו טהון מיט דער „סטרא אחרא", מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די ציוניסטען אָבער פון „השומר הצעיר" זענען אויך נישט שולדיג געבליבען און היות ווי קיין וואָרט האט מען זיי נישט געגעבען, האבען זיי געמאַכט צווישענרופען, דאס האט אויפגערעגט די בונדיסטען און זיי האבען געוואָרענט די השומר הצעירניקעס זיי זאָלען הערען, שוויגען און דולדען. די לעצטע האבען אבער אויך הייס בלוט און זיך נישט געקענט רוהיג צוהערען, ווי אַזוי מען לייגט זיי אין דער אדמה אַריין, האבען זיי רעאַגירט מיט געשרייען און געזאַנג פון „התקוה", זענען די בונדיסטען ווידער געוואָרען אויפגערעגט. הקיצור, פון מינוט צו מינוט איז די אַטמאָספערע געוואָרען אָנגעגליהט און פון הייסע ווערטער איז מען איבערגעגאַנגען צו מעשים.

געננוי, ווער. וואס, ווען, וועמען, ווייס איך נישט, ווייל די בונדיסטען זאָגען, אַז די ציוניסטען זענען שולדיג און די ציוניסטען טענה'ן, אַז די בונדיסטען האבען זיך פערשולדיגט; וואס מען ווייסט יאָ פון דעם משפּט איז, אַז איין בונדיסט, וועלכער האט געזאָלט געשטאָכען ווערען מיט א שטילעט, איז אָבגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל, און אויך עטליכע ציוניסטען, וועלכע זענען געשפּרונגען דורך די פענסטער פון ערשטען שטאָק, זענען צוקיילט און צוביילט געוואָרען למען ידעו, אַזוי, אַז מען קען גאַנץ דרייסט אָנרופען די שבת'דיגע אימפּרעזע פון בונד: דער משפּט און די עקזעקוציע...

סמאל

„גאולה תהי' לוי"...

צו דער בעפאָרשטעהענדער אויסלייזונגס-אַקציע פון דער ת"ת „מחזיקי-הדת"

דער נאָמען ת"ת „מחזיקי-הדת" איז גענוג בעקאַנט ביי אלע טשענסטאָכאָווער יודען. אלע וויסען, אז דאָרט ווערט געגעבען — שוין איבער 26 יאָהר — תורה-בילדונג פאר די קינדער פון די אָרימע ברייטע יודישע שיכטען, וועלכע קאנען זיך נישט ערלויבען אַריינצוגעבען זייערע קינדער אין די געצאהלטע חדרים; אָהן דער ת"ת, וואָלטען די קינדער אויפגעוואקסען און געבליבען עמי-הארצים אויף זייער גאַנץ לעבען, נישט בעזיצענדיג זאָגאַר די עלעמענטאַרסטע יודישע בילדונג, אפילו נישט צו קאנען דאווענען אז"וו. אלע ווייסען אויך, אָז דאָרט, אינ'ם ת"ת-בנין, געפינט זיך אויך א בית-המדרש, וואו די זעלבע ברייטע אָרימע יודישע שיכטען, האבען אנ'אָרט צו קומען בוקר וערב, אזוי אינדערוואָכענס, ווי שבת און יו"ט, אויסצוגיסען זייערע צובראָכענע הערצער פאר'ן רבון העולמים. און באמת איז עס דערפרעהענד פאר יעדען יודישען הארץ און מ'איז שטאָלץ דערויף, וואס מיר פערמאָגען א מאָסען-אנשטאלט פאר תורה און תפלה אין אנ'אייגענעם הער-ליכען בנין, מיט גרויסע, הויכע, ברייטע, שעהנע צימערען. אָבער... נישט אלע וויסען, אז אויף דעם אייגענעם בנין ליגט א שווערע, פרעמדע משא, אין געשטאָלט פון אָ חוב פון צעהן טויזענד זלאָטעס, וועלכע ס'קומט דער היגער קרעדיט-געזעלשאַפט, דער אָ.ג. „סטאָוואָזשיסטווע", פריהער, ווען ס'איז געווען „שנים כתקונן" און די ת"ת האט געקריגען סובסידיעס אי פון מאגיסטראט, אי פון דער קהלה, איז לייכט אָנגעקומען צו בעצאהלען די האַלב-יעהרליכע ראַטעס און אפילו שפעטער, ווען די סובסידיעס האבען גענצליך אויפגעהערט און דאס צאה-לען די ראַטעס איז שוין אָנגעקומען כּקריעת ים סוף—האט מען אויך נישט געפינען פאַר נויטיג צו קלינגען אויפ'ן אַלאַרם-גלאָק, ווייל מ'האט געוואוסט, אז דער פרעזעס פון מחזיקי הדת", ה' י. מ. קרעל, איז גלייכצייטיג דירעק-טאָר פון דער שטאדטישער קרעדיט-געזעלשאַפט, און דאס האט געגעבען די האָפנונג, אז ס'וועט נישט קומען צו קיין ליציטאַציע און ווירקליך איז עס אזוי געוועזען. יעדעס מאָל האט טאַקי דער חשוב'ער פרעזעס ה' קרעל אָנגעוואָנדען זיין גאַנצען איינפלוס, אום נישט צו דערלאָזען צו א ליצי-טאציע; מ'האט א טייל איינגעצאהלט, די רעשט פּראָלאָנגירט אָהן צינזען און אזוי האט מען זיך, ווי מ'זאָגט אָדורכ-געשטיפט.

יעצט אָבער האט זיך די לאַגע, ווי ס'איז אלעמען בעוואוסט ראַדיקאַל געענדערט. די יודישע השפעה אויף דער קרעדיט-געזעלשאַפט איז גענצליך עלימינירט געווארען, מ'קאָן זיך שוין מעהר נישט פערלאָזען אויף נסים און אז מען וועט יעצט נישט בעצאהלען פונקטליך די ראַטעס, איז ח"ו אומר ופושה—פערטיג א ליציטאַציע.

כּדי צו פערמיידען די דראָהענדע געפאַהר, איז אויף א זיצונג פון ועד צוזאַמען מיט נכבדי-העיר אָנגענומען געווארען א בעשלוס צוצוטרעטען צו אַנ'אויסלייזונגס-אַקציע, אזוי ווי עס שטעהט אין דער היינטיגער סדרה: „גאולה תהי' לו", ד. ה. די טשענ-סטאכאווער יודישע בעפעלקערונג האט די פליכט אויסצולייזען דעם בנין און איינמאל פאַר אַלעמאָל פטור ווערען פון דערמאנטען חוב. יעדער איז מחויב בייצוטראגען זיין נדבה צו דער אויס-לייזונגס-אַקציע.

ס'איז צו גלויבען, אז די היגע יו-דישע בעפעלקערונג, וועלכע איז בעקאנט מיט איהר הויך ענטוויקעלטען געזעלשאַפטליכען חוש, אויף וואס ס'גיבען א בעווייז די פיעל היגע אינסטיטוציעס און אויך לעצטענס דאס אויפשטעלען דעם הערליכען בנין פון יודישען גימנאַזיום. אָט די זעלבע בעפעלקערונג וועט אודאי נישט שטעהן פינדערווייטענס, דאמאלס ווען ס'האנ-דעלט זיך צו דערהאַלטען אין אונזער בעזיץ דעם איינאיינציגען תורה אנ-שטאלט, אין וועלכען ס'לערנען קרוב 400 קינדער, אזוי ווי די חז"ל לער-נען אונז, אז דער דאך פונ'ם בית-הכנסת דאַרף זיין העכער, פאַר אלע אנדערע פריוואטע דעכער, ד. ה. אויך, אז מ'מוז שטעלען דאס גייסטיגע העכער ווי דאס מאַטעריעלע. און ווען די היגע יודישע בעפעלקערונג האט אזוי פיעל אויפגעטהון אויפ'ן מאַ-טעריעלען געביט, גיט דאס די בעסטע האָפנונג, אז זי וועט דאס גייסטיגע, ד. ה. דעם למור-התורה פאַר די אָרי-מע יודישע קינדער אוודאי הויך האל-טען און זי וועט פערווירקליכען די לאָזונג: „גאולה תהי' לו".

ד. ש. ערליך

פערוואלטונגס מיטגליד פון

דער ת"ת „מחזיקי הדת".

די טשענסטאָכאָווער יודען שאַ-פען אַ פאָנד אויף אַנ'אַעראָפּלאַן

אין זאַל פון שטאדט-ראַט איז מאָנ-טאג אין אווענד פאָרגעקומען די אָרגאַ-ניזאַציאָנס פערזאַמלונג פון קאמיטעט צו שאפען אַנ'אַעראָפּלאַן פאר'ן „לאָפּ" אלס מתנה פון דער טשענסטאכאווער יודישער בעפעלקערונג. די פערזאַמלונג, צו וועלכער ס'זענען געקומען אַנ'ערך 100 פאָרשטעהער פון פערשידענע שיכ-טען פון די היגע יודישע איינוואוינער, האט געעפענט דער פרעזעס פון „לאָפּ" אין טשענסטאכאווער קרייז, קרייז-ריכ-טער ה' טושטשינסקי, וועלכער האט אַרומגערעדט די אונגעהויער וויכטיגע ציעלען פון „לאָפּ" פאר דער פערטיי-דיגונג פון לאַנד בעת א מלחמה און גערופען צו פערשרייבען זיך אלס מיט-גלידער פון דער דאזיגער געזעלשאַפט.

דאַן ערקלערט דער פאָרזיצער, אז אויפ'ן יסוד פון וואָיעוואָדישען יודישען קאמיטעט, וועלכער פערנעמט זיך מיט זאַמלען געלד-מיטלען אויף צו פערשאַ-פען אַעראָפּלאַנען לטובת דעם „לאָפּ", האט ער צונויפגערופען די היינטיגע פערזאַמלונג און דערויף לאַדעט ער איין אלס פאָרזיצער פון דער פערזאַמ-לונג אדוו. מ. קאַנאַרסקי און אלס סעקרעטאַר — אַדוו. ש. פאַהארילע.

אדוו. קאַנאַרסקי האלט א לענגערע רעדע, אין וועלכער ער ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אז די מאָס פון רעכט פאר יעדען בירגער איז דאס ערפילען דורך איהם די געזעלשאַפטליכע פליכ-טען און דערביי גיט ער צו, אז טראָץ דעם, וואס יעצט העררשען נישט-גינסטי-גע שטימונגען בנוגע דער יודישער בעפעלקערונג, וועט כּוף כּל כּוף מוזען זיעגען דער פרינציפּ — ווי עס לויטעט דער געהעריגער פּאַראַגראַף פון דער קאָנסטיטוציע — אַז די פוילישע מלוכה איז דער שותפות'ער וואויל פון אלע איהרע בירגער. דער רעדנער אַפּעלירט דעריבער צו אלע אונטערצושטיצען די דערמאנטע אַקציע.

עס רעפערירט נאך דער דעלעגאַט מצד דעם קעלצער וואָיעוואָדישען קאָ-מיטעט ה' פינקעל, וועלכער בעריכטעט וועגען לעבעדיגען אנטייל אין דער דערמאנטער אַקציע מצד דער יודישער בעפעלקערונג פון פערשידענע שטעדט פון דער וואָיעוואָדזטווע.

צום סוף איז אויסגעוועהלט געווארען אַנ'אָרטיגער קאמיטעט, וועלכער זאָל זיך פערנעמען מיט'ן שאפען א פאָנד אויף אַנ'אַעראָפּלאַן פון דער יודישער בעפעלקערונג. די הוצאה אויף אַזאַ אַעראָפּלאַן בעטרעפט אַנ'ערך 30 טוי-זענד זלאָטעס. אינ'ם קאָמיטעט זענען אריין די ה"ה: אדוו. קאָנאַרסקי — פּרע-זעס, י. ראָזענבערג, דר. בראָם, אַדוו. פּאָהאָרילע, דר. שלייכער, דר. באָטאָ-וויאַ, דר. גייזלער, מ. נויפעלד, דיר. פּרושיצקי, ח. וועקסלער, דר. סטעפאַן קאָן, דיר. ז. מאַרקאָוויטש, דר. י. מאַרקוספעלד, דר. ב. העלמאַן, א. עפּ-שטיין, ז. שטילער, י. אימיך, אינזש. קארנגאלד, פּ. שפּירא און דר. וואָלבערג.

אלגעמיינע פערזאַמלונג פון יוד. געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום

זונטאג, דעם 22 טען ד. ח. פונק-טליך דריי א זייגער נאכמיטאג קומט פאַר אין נייעם בנין פון יודישען גימ-נאַזיום יאַסנאַגורסקאַ 8|10 די יעהר-ליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג מיט פאָל-גענדען טאָג אָרדנונג:

1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון א פּרעזידיום, 3) בעריכט פון שול-יאָהר 1936|37, 4) בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1937|38, 5) וואַהלען פון 5 מיטגלידער אין דער פערוואלטונג אַנשטאַט די אַרויסגעלאָסענע, 6) וואַהלען פון א רעווידיר-קאָמיסיע און 7) פרייע פאָרשלאָגען.

עס איז בלתי ספק, אז די מיטגלי-דער וועלען גערן קומען אויף דער אלגעמיינער פערזאַמלונג און גלייכציי-טיג אויך א הנאה האבען פון דעם נייעם בנין, וועלכער איז דער פּראַכט און שטאָלץ פון יודישען טשענסטאכאוו.

אלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער גמילת-חסד-קאָסע פּילסודסקי 31

זונטאג פונקטליך 3 30 נאכמיטאג קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל פּיל-סודסקי 31, די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג מיט פאָלגענדען טאג-אָרדנונג:

1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון א פּרעזידיום, 3) בעשטעטיגען דעם בי-לאַנס פאַר'ן יאהר 1937, 4) וואַהלען פון 3 פערוואלטונגס מיטגלידער אנ-שטאט די ארויסטרעטענדע, 5) וואַה-לען פון 2 מיטגלידער אין דער רע-וויזיאָנס קאָמיסיע, 6) פרייע פאָרשלאָגען.

אלע מיטגלידער פון דער דאָזיגער גמילת חסד קאָסע ווערען אויפגעפאָ-דערט צו קומען אויף דער פערזאַמלונג.

דער אורטייל אויף די איינברעכער אין דער סוחרים-באַנק

די אָנגעקלאגטע אינ'ם נישט-געלונ-גענעם איינברוך אין דער סוחרים באַנק יוזעף זדעבסקי, סטאַניסלאַוו אַדאַמסקי, איגנאַצי קאָני און וולאַדיסלאַוו דילאַנג זענען אנערקענט געווארען פאר שולדיג און זיי זענען פערמשפּט געווארען צו 2 יאהר תפיסה יעדער און צו בעגרע-ניצען זייערע רעכט אויף 5 יאָהר.

פונ'ם יודאַיסטישען צענטער

מאָרגען, שבת 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאַר א מסבת עונג-שבת מיט דער בעטייליגונג פון ה' א. ח. שיפער, וועלכער וועט רעפערירען א. ד. ט.: „ר' אברהם אבן עזרא און זיין תקופה".

פון שול - וועזען

ווי מיר דערוויסען זיך פון די שול-קרייזען, ווערט דאס ביי אונז אין שטאדט עקזיסטירענדע גימנאַזיום פון דר. אַקסער, מיט'ן נייעם שול יאהר פערגעזעלשאַפטליכט און וועט פערוואַל-טעט ווערען דורך א געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע. די שול-מאַכט האט שוין געגעבען דערויף איהר הסכמה און בקרוב דאַרף בעשטעטיגט ווערען דער געהעריגער סטאַטוט.

פון „פּועלי ציון" (צ. ס.)

שבת, דעם 21 ד. ח. 4 נאכמ. קומט פאַר אין באַראַכאָוו-היים א חברים-פערזאַמלונג געווידמעט דעם איחוד מיט התאחדות דיסקוסיאָנס פּראָבלעמען: 1) סימבאַליק, 2) תרבות און שול-קולט (העברעאיש און יודיש).

דער קאָמיטעט

היינט — יאָזעף שעהנגאָלד און פּרענציס אַדלער אין טשענסטאָכאָוו

היינט, פרייטאג, שבת נאכמיטאג און אין אָוענד און זונטאג וועלען געבען זייערע אויפטריטען די בעקאַנטע אַמע-ריקאַנער סטאַרן יאָזעף שעהנגאָלד און פּרענציס אַדלער בראש פון א קינסט-לער-אַנסאַמבל, צווישען וועלכע עס גע-פינען זיך אַרטיסטען מיט א גרויסען סטאַזש, ווי: ש. ראָזען (פון מאָריס שוואַרץ'ס טרופּע), ל. קאָסווינער (פון תל-אביב), י. קרעלמאן (פון גראָנאַכ'ס טרופּע), ראַקאָוו, נערה, וואס זענען דאָ שוין גוט בעקאנט און אנדערע וואַרשאַווער אַקטיאָרען.

פרייטאג און שבת (2 מאָל) ווערט געשפּילט די פּיעסע „דאס רעדעלע דרעהט זיך", וואס איז געגאַנגען אין וואַרשא א גאַנצען סעזאָן און אין וועל-כע די גאַסטראָלערען שאַפען קונסט-ראָלען.

זונטאג אוועגד געהט דער צווייטער שלאַגער: „די 2-טע יוגענד".

די אַמעריקאַנער גאַסטראָלערען זענען קינסטלער פון גאָר א הויכער מדרגה און דער צוזאַמענשפּיל פון אַרטיסטען-אַנסאַמבל שמידט פשוט צו דעם צושוי-ער צום פלאַץ. דער טשענסטאכאווער טעאַטער-עולם וועט זיכער אויסנוצען די געלעגענהייט צו זעהן און בעוואונ-דערן אזעלכע קינסטלער, וואס קומען זעלטען אויף דער פּראָווינץ.

בּילעטען שוין צו בעקומען אין דרו-קעריי פון ה' באָטשאַן, אַלעע 6 און פון 7 אווענד, ווי אויך שבת פון 11 פריה - אין קאָסע. (מ. ע.)

די נייע לייטונג פון דער שטאדטי-שער קרעדיט - געזעלשאַפט נעכטען איבערגענומען זייערע פונקציעס

מאנטאג נאכמיטאג איז אין לאָקאַל פון דער שטאדטישער קרעדיט-געזעל-שאַפט פאָרגעקומען דאס איבערנעמען די פונקציעס דורך דער ניי-געוועהלטער דירעקציע. מצד דער ביז-יעצטיגער דירעקציע איז געקומען בלויז דיר. ה' י. מ. קרעל, וועלכער האט איבערגע-געבען די אַגענדען דער נייער דירעק-ציע אין די פערזאָנען פון אדוו. זאַ-וואדזקי (פרעזעס), לאָווניק פּיאַנטקאָוו-סקי און ר. טראַווינסקי.

לכבוד דער יאהרצייט פון זאָפיאַ חיינשטאָק ז"ל.

דער עלטערן-קאָמיטעט ביי דער שולע א. נ. פון ז. ווײנשטאָק שפּענ-דעט לכבוד דער יאהרצייט פון דער גרינדערין פון דער שולע 10 זל. פאַר מושב זקנים און 10 זל. פאַר'ן שפּיטאָל. איינצוקאסירען ביי ה' הערצבערג, פּילסודסקי 31.

פון י. ט. ס. פּ. „מכבי"

דער ספּאָרט-פּלאַץ פון „מכבי" איז געווארען גענצליך רעמאָנטירט און צו-געפיהרט צו אָרדנונג. אין צוזאַמען-האַנג דערמיט קומען פאַר שוין נאָרמאַל אלע ארבייטען פון די בעזונדערע ספּאָרט אָבצווייגונגען אין אגע עקזיס-טירענדע ספּאָרט סעקציעס ביים מכבי.

CÉDIB
UNIVERSITÉ DE BEAUTÉ PARIS
RACJONALNA KOSMETYKA
pudry kremy szminki płyny
Nasze instytuty kosmetyczne w całej Polsce

PŁYN KLAWIOL *AP. KOWALSKI*
USUWA ODCISKI
I ZGRUBIENIA SKÓRY
SOL KLAWIOL ZAPOBIEGA WSZELKIM DOLEGLIWOŚCIOM NÓG

Dr. med. LUDWIK WOLF
Warszawa, Widok 12
ספעצ. איסיאַש און געזיכטס-נערוו
היילט מיט הויך-פרעקווענץ-שטראהלען מיט
אָריגינאַל-אפּאַראט
F. G. Zeileiss Galspach

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

Szczepienie ochronne
przeciwko ospie świeżą
krowianką szczepi
Starszy felczer
ST. MITTLER
Piłsudskiego 7
tel. 18-04.

Kino „LUNA"
טשאַרלי באָיער
דער העלד פון „מייערלינג" אין מעכ-טיגען איירעפּעאישען פילם
ZBŁĄDZIŁEM
אין דער הויפּט-פרויען-ראָל:
MICHELE MORGAN
פרויען האבען איהם פערגעטערט,
אָבער ער האט נישט געקענט ליבען...

KINO „EDEN".
דער סענסאַציאָנעלסטער פילם!
Ślepy zaułek
אַזוי-גערופענע
Ulica potępionych
אין די הויפּט ראָלען:
סילוויא סידני א. א.
אָנהויב: 6, 8 און 10.
זונטאג — מיטאָג-סעאַנס
Romans w Budapeszcie

Kino-Teatr „STYLOWY"
זשאַן קראָופאָרד
און קלאַרק גאַבל
אין זייער בעסטען פילם
Nie ufaj mężczyźnie